שנה ו'
גליון קי"ג

חג הסוכות
תשפ"ז לפ"ק

בעזהשי"ת

# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

גליון פנימי לאנ"ש חסידי פאפא • יו"ל ע"י 'מערכת פאפא'


### מדור שיחות קודש — ב

**שיחה י' בסדרת שיחות קודש בעת שבעה דנחמתא אחר פטירת הרבנית ע"ה**

בתוכן:

**הישיבה הק' באנטווערפן** / סדר הש"ס בהישיבה הק' בפאפא / **אינו מהרהר אחר רבו** / האדמו"ר מוויזשניץ בפאפא / **מעשים טובים לעילוי נשמה** / האדמו"ר ר' הערשלע מספינקא עם מרן ז"ל / **מצות 'ונשמרתם' רק כשאינו על חשבון עבודת ה'** / פסקי ויען יוסף / **לימוד משניות בבית אבל** / כמה ענינים בהלכות אבילות / **שערורי' אודות טריפות בעופות** / כמה ענינים בהלכות מקואות / **צוואת מרן הערוגת הבשם ללמוד לע"נ משה בן אסתר** / נתינת שם 'עמרם' גרידא / **ועוד**

### מדור דברות קודש — יט

בתוכן:

התחנני בבקשה / **שותפים בתורה** / הכנה ליום הדין / **הודאה להשי"ת** / הכרת הטוב לנדיבים / **בשבח ארגון גשר לקשר** / הזורעים בדמעה ברנה יקצורו / **שותפים בהמוסדות** / אהבת וחשקת התורה / **בטחו בה' עדי עד** / השאיפה להרבצת התורה / **זה הגדול קטן יהיה** / כרכא דכוליה ביה / **ועוד**

### חסידים דערציילן — כז

**יום האחרון של ה'הייליגע טעג'** / ניגון תורה הקדושה / **ספה"ק נועם אלימלך** / עם הרבי מריבניץ / **נשים במילי דחסידותא** / בכיה של צדיקים






הכנסת אורחים דחסידי פאפא

דירות לקראת שמחת תורה בצל הקודש

אויב האט איר א דירה אדער הכנסת אורחים | אויב זוכט איר א דירה

718.480.7872 #8

שיחת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א **בעת השבעה דנחמתא לפטירת אם המלכות הרבנית הצדקנית ע"ה** אשת חבר כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה

**יום א' אחרי אחה"צ תשע"ט לפ"ק**

**נכחו שם** (על פי סדר ההשתתפות): **כ"ק האדמו"ר מביקסאד שליט"א, הגה"צ אב"ד אוהעל-וומס"ב שליט"א, להבחל"ח כ"ק האדמו"ר מבית שמואל צבי דספינקא זצ"ל, מו"ץ הג"ר יצחק אהרן גאלדבערגער שליט"א**

**מרן שליט"א**: **כ"ק מרן אאמו"ר זצוקל"ל** האט געזאגט אז על פי הלכה טאמער אן אבל הייבט אן אנפאנג טאג צו רעדן איז עס געווגן.

**האדמו"ר מביקסאד**: מיין טאטע [**הגה"צ רבי נחום צבי פיש זצ"ל האדמו"ר מביקסאד**] האט חתונה געהאט אין אנטווערפן, און דער רבי ז"ל איז געווען אונטערפירער, מיין טאטע האט נישט געהאט קיין עלטערן נאכ'ן מלחמה.

**מרן שליט"א**: אייער זיידע דער **טעמעשווארער רבי הגה"צ רבי משה ארי' לעוו זצ"ל** [א] איז געווען ביי מיין ברית אין אנטווערפן סנדק מעומד.

---

**א.** הגה"צ רבי משה ארי' לעוו זצ"ל הרב מטעמעשוואר היה חתן

קול רנה וישועה באהלי צדיקים

פאפא

בקידה ובהשתחויה מול פני הקודש נשגר בזה ברכת מזל טוב
מעומק לבבינו, מול פני המנורה הטהורה, בוצינא קדישא, עמוד
האש ההולך לפני המחנה, עטרת תפארת ישראל, אבינו רוענו

# כבוד קדושת מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

לרגל השמחות במעון הקודש

הולדת הנכד הילד בנש"ק **יצחק אייזיק** נ"י בן הרה"צ **רבי משה** שליט"א

הולדת הנין הילד בנש"ק **ישכר בעריש** נ"י בן פרע"ח **הרב יחזקאל לויפער** שליט"א חתן הרה"צ **רבי מאיר** שליט"א דומ"ץ קהלתנו

הולדת הנינה בת אצל פרע"ח **הרב אברהם יצחק כ"ץ** שליט"א בן חדב"ן הרה"צ **רבי אהרן כ"ץ** שליט"א אבד"ק תולדות אהרן

---

ברכת מזל טוב להסבים כ"ק **האדמו"ר מספינקא** שליט"א, כ"ק **האדמו"ר מקיוויאשד** שליט"א, הגה"צ **רבי נחום מאיר גערמאן** שליט"א ר"י באבוב, הגה"צ **רבי זלמן לייב פילאפף** שליט"א אב"ד מכלל יופי, הגה"צ **רבי אלכסנדר אשר מרגליות** שליט"א דומ"ץ אהל משה וויען-עסטרייך, הרה"ג **ר' יוסף לויפער** שליט"א, הרה"ג **ר' משולם שרגא מרגליות** שליט"א

---

ואנו תפלה שמשמחת בית צדיקים זו ישפע שפע רב לנו ולכל ישראל, וירוה כ"ק מרן שליט"א רוב תענוג ונחת מכל יוצ"ח, ונזכה עוד רבות בשנים לחסות בצל הקודש, עדי נזכה שהוא יוליכנו קוממיות לארצנו, בב"א.






**האדמו"ר מביקסאד**: מיין זיידע איז געווען אין אנטווערפן צוויי יאר. ווי לאנג איז דער רבי ז"ל געווען אין אנטווערפן?

**מרן שליט"א**: דער טאטע ז"ל איז געווען אין אנטווערפן פון תש"ז ביז תשי"א.

אידן זענען געקומען פון אנטווערפן באלד נאכ'ן קריג און מ'האט ארומגעשמועסט איבער דער מצב, ס'איז דאך געווען צעשפרייט, דער איז געווען דא און דער איז געווען דארט, האט מען גערעדט אז אין אנטווערפן ביים פאפא רב, דארט ברענט!

**האדמו"ר מביקסאד**: ס'איז געווען שיינע ישיבה אין אנטווערפן.

**מרן שליט"א**: דער טאטע ז"ל האט געמאכט אן איבערקערעניש אין שטאט. אנטווערפן איז געווען א בעל הבת'ישע שטאט, ס'איז געווען א בעלזער שטיבל פאר די בעלזא חסידים, אבער ס'איז נאכאלץ געווען א בל הבית'ישע שטאט, אבער ווען דער טאטע ז"ל איז אנגעקומען דארט מיט זיינע בחורים האט ער געמאכט אן איבערקערעניש אין שטאט.

**האדמו"ר מביקסאד**: דער רבי ז"ל האט געשריבן מיין טאטנ'ס כתובה.

**מרן שליט"א**: מן הסתם האט ער אים נאך געקענט פון שטאט סאטמאר.

**האדמו"ר מביקסאד**: סיי ווען דער רבי ז"ל האט געוואוינט אין סאטמאר האבן זיי זיך געקענט, אזוי אויך שפעטער ווען דער רבי ז"ל האט שוין געוואוינט אין פאפא, איז ער געקומען קיין סאטמאר צום יארצייט פון **כ"ק מרן הקרן לדוד זי"ע**.

**מרן שליט"א**: דער **ביקסאדער רבי הגה"ק רבי אליעזר פיש זי"ע הי"ד** האט איינגעפירט אז מ'זאל מסיים זיין ש"ס יעדע חודש בשותפות.

ווען דער טאטע ז"ל איז געקומען פון סאטמאר אויף פאפא, האט ער מיטגעברענגט די הנהגה, ער האט איינגעפירט אן עקסטערע סדר אין ישיבה וואס מ'האט געלערנט ש"ס, און דער טאטע ז"ל אליין האט פארהערט די בחורים ש"ס[ב].

ס'איז געווען דעמאלטס א גרויסע ישיבה פון איבער דריי הונדערט בחורים, וואס רוב בחורים האבן זיך משתתף געווען אין דעם, און מ'האט זיך געלאזט פארהערן אויף די בלעטער וואס מ'האט געלערנט, בדרך זה האט מען מסיים געווען ש"ס חודש'ליך.

דעמאלטס איז געווען שווערע צייטן און ס'איז געווען אין פאפא אסאך בחורים טמיר ונעלם'ס, אבער אפילו פארדעם איז שוין פאפא געווען גאר א גרויסע ישיבה.

---

הגה"ק השם אליעזר מביקסאד זי"ע הי"ד, והיה חותן גיסו הגה"צ רבי נחום צבי פיש זצ"ל האדמו"ר מביקסאד. הרב מטעמעשוואר הוא מחותנו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, כי אביו של חדב"ן הרה"צ רבי מיכל דייטש שליט"א - הגה"צ רבי יחזקאל שרגא דייטש שליט"א אב"ד מקור חיים - הוא בנו של הגה"צ רבי יהושע העשיל דייטש זצ"ל אב"ד פריימאן, חתן הגה"צ הישיש מטעמעשוואר זצ"ל.

**ב.** ראה בקובץ 'גנזי אור' (קובץ ה' עמוד פג) השתלשלות הסדר במסגרת חבורת 'מהדרי תלמודא' בהישיבה הק' בפאפא, ונעתיק רק קטעים מן הקדמת הב' ישראל יוסף קראקויער ז"ל הי"ד לחבורת מהדרי תלמודא: היות שבעינינו ראינו ובאזנינו שמענו שהרהצה"ק מביקסאד שליט"א הגדיל לעשות ויסד חברה עם לומדי ש"ס בקרב ק"ק סאטמאר יצ"ו שמסיימין בחבורה קדושה כל הש"ס מידי חודש בחדשו, וגם העיר רוחינו ודיבר אל לבנו לעשות הטוב, ולהשתדל להפיק רצון ד' וליסד חברה כזו גם פה בק"ק פאפא, כי מאוד ישרה בעיניו תועלת זו החברה, ודיבר אתנו מזה באריכות... וישמע כ"ק אדמו"ר שליט"א וייטב בעיניו לאמור, לעשות כן גם... אצלינו ק"ק פאפא, והוא גם הפליג בדבריו הקדושים בתכלית ותפארה שבחברה כי רב הוא, כאשר שמענו מפורש יוצא מפה קודש בהרצעת לימוד שיעור פ... ובמשנה... קצת... תועלתה ותכליתה.

**ועוד** הוסיף באמרי נועם להמנהלים לאמור, כי בלבד טעמים הכמוסים אשר ידוע שהרבה גאונים וצדיקים קדושי עליון שהפליגו מאוד להגדיל דבר זה כי ענין גדול הוא לחלק הש"ס ולסיים כולו בחבורה. והראה לנו כ"ק מרן שליט"א באגרת קודש התניא בסוף ספר ליקוטי אמרים שכתב לאנשי שלומיו וצוה ג"כ שיחלקו הש"ס ביניהם, וצריכין אנו לילך בעקבותיהם לא נודעו. ובאמת נמצא דוגמת זה בגמ' מס' ב"מ פרק השוכר את הפועלים דף פ"ה ע"ב, כי הוו מינצו ר' חנינא ור' חייא אמר ליה ר' חנינא לר' חייא בהדי דידי קא מינצית דעבדי לתורה דלא תשתכח מישראל , מאי עבידנא וכו', וכתבנא חמשה חומשי וסליקנא למתא ומקרינא חמשה ינוקי בחמשה חומשי, ומתנינא שיתא ינוקי שיתא סדרי, ואמרנא להו עד דהדרנא ואתינא אקרו אהדדי ואתנו אהדדי ועבדי לה לתורה דלא תשתכח מישראל, היינו דאמר רבי כמה גדולים מעשי חייא וכו', יעו"ש. הרי לך אלו דרגות מיקרו מעשי חייא דעבד שלא תשתכח תורה מישראל ושנה עם כל אחד סדר אחר, סדרו של זה שלא כסדרו של זה (אע"ג דכוונת ר' חייא עמוק עמוק מי ימצאנו, מ"מ על פי פשוטו עשה שלא תשתכח תורה מישראל ולמד שית סדרי עם שית ינוקי), כדי שכל חלקי התורה יהיו נלמדים מאתם, ואח"כ ציוה להם שילמוד כל אחד עם חבירו סדרו, וילמדו זה את זה, ועי"ז לא תשתכח תורה מישראל. עכ"פ עינינו הרואות שעלינו לתקן שלא תשתכח תורה מישראל וכו'.

**ועוד** הוסיף כ"ק אדמו"ר שליט"א ליתן טעם לשבח, כי ידוע דכל מיני ברכות וישועות והארות וכו' יש בתוה"ק, ולכל מסכת ומסכת יש בסגולתה להמשיך או לעורר איזה דבר כידוע מפי ספ"ק, למשל מסכת מכות סגולה לבטל הרהורים, ומסכת סוכה לבטל מחלוקת, וכמו כן לכל מסכת ומסכת, לא ראי זה כראי זה, על כן מה נכון מאוד לעורר כל מיני סגולות טובות וברכות, ולחבר להיות אחד בחד מתא, ואולי גם זה היה כוונת התניא.

**הכותב** מאריך שם עוד בדברים, ומסיים אח"כ בדבריו: ויש עוד טעמים שאמר כ"ק מרן, דאין נקל להסביר לכל. עד כאן שמענו מפ"ק כ"ק אדמו"ר שליט"א, והעתקנו תוכן דבריו שהסביר קצת לנו בנועמי נאומיו.

**האדמו"ר מביקסאד**: מיין זיידע האט מייסד געווען דעם סדר שנת תרצ"ג, דעמאלטס האט ער געזאגט אז ער דארף האבן אכציג בחורים וואס יעדער זאל לערנען א בלאט א טאג, שפעטער איז געווען מער משתתפים האט ער איינגעטיילט וויניגער בלעטער גמרא, אויך האט ער איינגעטיילט בלעטער לויט די שווערינקייט פון די גמרא.

**הרה"צ רבי מאיר שליט"א**: איך האב עס געהערט פון **הגה"צ רבי אהרן מרדכי רוטנער זצ"ל**, ער האט מיר געוואלט געבן א דוגמא פון א זאך וואס איז נישט נמשך געווארן נאכ'ן קריג, האט ער מיר דערציילט וויאזוי עס האט אויסגעקוקט דעם סדר פון לערנען ש"ס, דער זיידע ז"ל פלעגט ארייננקומען אין בית המדרש און פארהערן די בחורים וואו זיי האבן געהאלטן[ג].

**ג.** ראה עוד שם בקובץ 'גנזי אור' בתקנות החבורה 'מהדרי תלמודא' (סעיפים כד-כה): סעיף כד - כ"ק אדמו"ר שליט"א ינסה את הבחורים עפ"י הגורל כפי ראות עיני הגבאים דישיה"ר, דזה יהיה... השיעורים בישיבה. ואל יטעה שום בחור בעצמו שלומד רק ליתר שאת בנדבת לבו, כי חוב מוטל עליו שידקדק שיעוריו בפלס, כמו משאר שיעורי הישיבה. סעיף כה - חוץ מזה, כל בחור יוכל להיות מזומן וצריך לו לחשוב שכ"ק מרן שליט"א יוכל לנסות אותו ולשאול... השיעורין... בנסיונות השיעורין, ואפילו בחור גדול יכול להיות מוכן... הנ"ל. ואפי'... יוכל לשאלו מה הוא לומד לשיעור טפל, וכמה למד מכבר, ויראה למען לא יבוש ולא יכלם, כי כן צוה המלך כ"ק מרן שליט"א.







איך האב אים געפרעגט פארוואס טאקע ס'איז נישט נמשך געווארן נאכ'ן קריג, האט ער מיר געזאגט: "דו ווייסט נישט וואס עס מיינט א קריג"...

**מרן שליט"א**: סוף פאר'ן קריג איז שוין געווען א גרויסע עולם אין פאפא, ס'איז אויך געווען דארט אסאך טמיר ונעלם'ס, אייער שווער **כ"ק האדמו"ר מתורת מרדכי מוויזשניץ זצ"ל** איז דארט געווען.

**האדמו"ר מביקסאד**: מיין שווער איז געווען אין פאפא א גאנצע יאר.

**מרן שליט"א**: יא, חוץ תשרי. ס'איז געווען אן עיבור יאר, איז אויסגעקומען אז ער איז דארט געווען צוועלף חדשים.

דער **וויזניצער רבי כ"ק האדמו"ר האמרי חיים זצ"ל** האט געפלאנט דעמאלטס פאר'ן קריג צו פארן אויף ארץ ישראל, אבער ס'איז נישט געווארן דערפון. דער וויזשניצער רבי [התורת מרדכי] האט מיר אמאל געזאגט אז דער טאטע ז"ל האט אים געבעטן אז ער זאל אים אויך פארשאפן שריפטן צו פאר'ן אויף ארץ ישראל, אבער ס'איז גארנישט געווארן דערפון.

אין פאפא האט געלערנט **הרב שלמה לארענץ ז"ל**, ער איז געווען פון די אגודה, ער איז געגאנגען פון פאפא לערנען צו די ליטווישע ישיבות, האט ער דעמאלטס געזאגט פאר'ן **מאנטרעאלער רב הגה"צ רבי יעקב יצחק ניימאן זצ"ל**: "קום



אויף ארץ ישראל, איך וועל דיר געבן שריפטן", איז דער מאנטרעאלער רב געגאנגען צו **כ"ק אא"ז מרן הויגד יעקב זי"ע** און געפרעגט דערוועגן, האט דער זיידע ז"ל אים נישט געלאזט פארן, ער האט אים מרמז געווען אז ער האט מורא אז ער זאל נישט נשפע ווערן פון איינעם - איך וויל נישט נאכזאגן די לשון - און ער האט אים געזאגט אז ער זאל נישט פארן, און ער איז טאקע נישט געפארן.

ער האט שוין געהאט א משפחה מיט א קינד, און ער האט ליידער אלעס פארלוירן ביים קריג, און נאכ'ן קריג האט ער שוין נישט געהאט מער קיין קינדער ל"ע, אבער דער מאנטרעאלער רב האט געזאגט: "איך האב קיינמאל נישט מהרהר געווען נאכ'ן רבי'ן ז"ל"[ד].

---

**ד.** נעתיק פה פרטי הסיפור כפי מה שסיפר איש סודו ונאמן ביתו הרה"ח ר' יוחנן הערצאג הי"ו (עלון בקודש פנימה - גליון מו): לפי האמת, דיו אילו ימי לא יכלו לתאר עוצם דביקותו [של הגה"צ רבי יעקב יצחק ניימאן זצ"ל הרב ממאנטרעאל] אל רבותיו הק', אך מעובדא אחת

**הר"ר משה יודא וויינער הי"ו: כ"ק האדמו"ר מוויזשניץ-**

---

ששמעתי מפיו אי אפשר להפטר, בה בלטה הקשר העמוק, אשר כל חסיד צריך ללמוד ממנו, מה נקרא 'ביטול גמור לרבי', אף כשאין מבינים ומשיגים לדעת הרבי.

**היה** זה בתחלת שנות המלחמה, כשהעבים השחורים התחילו לכסות את פני השמים; אז עלה ביד ידידו העסקן הרב שלמה לארענץ ז"ל - תלמיד מרן הויגד יעקב, ומעסקני אגודת ישראל בארה"ק - להשיג עבורו מסמכים נדירים ויקרי מציאות לברוח מאדמת הדמים אירופה ולנסוע לארצנו הק'. הרב ז"ל שאל אז את רבו מרן הויגד יעקב אם יכול לנסוע לארה"ק, אולם מרן הויגד יעקב לא הסכים עמו שיסע.

**לאחר** תקופה בשנת ת"ש, נתפש הרב ז"ל בכפיה לעבודת הצבא בהונגריה. הרב ז"ל נתמנה במחנה העבודה להכין התבשילים לאנשי הצבא, ובמשך הזמן עלה ביד הרב ז"ל לעשות היכרות עם הקצין שם, ולקראת ירח האיתנים שנת תש"א ניסה הרב ז"ל לבקש על נפשו מהקצין שירשה לו לנסוע הביתה על ראש השנה, ובשכר זאת הציע להקצין דמי המזון של אותם ג' ימים. דבריו גדלו והצליחו פרי, ומצא חן בעיני הקצין, ומה גדלה שמחתו של הרב ז"ל, כשהקצין בישר אותו הבשורה טובה, שתינתן לו חופש קצר, ויוכל לחזור לביתו על חג ראש השנה. אולם משנשתחרר, לא נסע הביתה... רק שם פעמיו


בס"ד



הכרת הטוב פארן שדכן

ער ארבעט פאר דיר, זוכט, פרעגט, טראכט און לויפט,
**אלעס מרצונו הטוב, אן קיין שום התחייבות!**
ער לייגט אריין זיין צייט, כח און ענערגיע, צו העלפן דיין זון טרעפן זיין שידוך.

שיק איהם עפעס פאר יו"ט
א טארט - א ספר - א נוי סוכה - א מתנה - א פאר דאלער.

ס'איז קליינקייט פאר דיר
ס'מיינט אבער גאר אסאך פאר איהם!
ווייז אים: דו זעסט זיין ארבעט, דו שעצט זיין איבערגעגעבנקייט, און דו זאגסט – א גרויסן יישר כח!
ס'איז פאר דיין טובה

929.992.3824
info@gasherlekasher.org
אלע פעולות און צאלונגען ווערן געטון אויסשליסליך לויט די הדרכה והוראה פון די וועד רבני גשר לקשרי

גשר לקשר

**וומס"ב שליט"א** האט מיר דערציילט אז זיין טאטע האט דערציילט, אז ער געדענקט א ברית וואס דער רבי ז"ל האט געמאכט פאר א קינד אינדערהיים אין פאפא, די ברית איז געווען חנוכה האט דער רבי ז"ל געגעבן א נאמען 'אפרים שרגא'. שרגא מיינט א לעכט על שם די נרות חנוכה און אפרים איז געווען דער נשיא וואס מ'האט געליינט יענעם טאג.

*

**מרן שליט"א**: די תמימות פונעם פריערדיגן דור, דור הולך ודור בא, די פריערדיגער דור איז א מוסטער פון יראת שמים מיט אמונה פשוטה. די **מאמע ע"ה** איז מיטגעגאנגען מיט'ן טאטן ז"ל מיט יעדע זאך, וואס מ'האט געדארפט, וויאזוי מ'האט געדארפט, זי איז צוגעשטאנען צו זיין האנט מיט אן עכטע אמונה פשוטה, זי האט צוגעקוקט די עבודה ביים טאטן ז"ל און זיך אפגעלערנט פון יעדע זאך, זי האט זיך אנגעזאפט מיט אמונה.

**אב"ד אוהעל-וומס"ב**: איך האב געהערט פונעם **סקולענער רבי כ"ק האדמו"ר רבי אליעזר זוסיא זצ"ל** ביי זיין מאמע'ס יארצייט, אז די מאמע האט אים צוגערופן פאר איר פטירה און אים געפרעגט וואס איז די טייטש 'והסר שטן מלפנינו ומאחרינו', האט ער גארנישט געענטפערט, נאר געשטאנען און געווארט וואס זי האט צו זאגן.

האט זי געזאגט אז ס'זענען דא מצוות וואס א מענטש טוט פאר זיך און ס'זענען דא מצוות וואס מ'טוט לטובת נשמות פון די עלטערן, די מצוות וואס מ'טוט פאר זיך ווערט מקויים 'והלך לפניך צדקך', די מצוות וואס די קינדער טוען, קומט נאך נאכדעם. דער שטן קומט אבער צום מענטש זאגן אז מ'זאל נישט טון קיין מצוות פאר זיך, זאגנדיג, "דו האסט פיינע קינדער זיי וועלן דיר שוין אינזין האבן". לאידך גיסא פאר די קינדער קומט ער און ער זאגט, "דיין מאמע איז שוין אל המנוחה נכונה, זי דארף גארנישט האבן". קומט אויס אז דער שטן וויל צו'גנב'ן די מצוות פון פריער און די מצוות פון שפעטער. דאס איז טייטש 'והסר שטן מלפנינו ומאחרינו'.

האט זיין מאמע צוגעענדיגט און געזאגט: "איך בעט דיר מיין קינד, זאלסט זען צו לערנען משניות, זאגן קדיש און געבן צדקה לטובת נשמתי".

**האדמו"ר מבית ש"צ ספינקא**: מיין טאטע [**כ"ק האדמו"ר הדובר מישרים מספינקא**] **זצ"ל** איז געווען דא זייער נאנט אין שטוב. מיין זיידע [**כ"ק האדמו"ר רבי שמואל צבי מספינקא**] **זצ"ל** האט גענוצט דעם רבי'ן ז"ל דא פאר א פוסק אויף אלע זיינע שאלות, דאכט זיך מיר אז זיין שייכות מיט'ן רבי'ן ז"ל האט זיך אנגעהויבן דורך **הגה"צ רבי יחזקאל'ע מערץ זצ"ל** וואס מיין זיידע איז געווען זייער נאנט מיט ר' יחזקא'לע מערץ.

מיין טאטע ז"ל האט מיר אמאל דערציילט אז ער איז געווען אמאל באזוכן אין שפיטאל ביים רבי'ן ז"ל צוזאמען מיט זיין טאטן. דער רבי ז"ל האט דעמאלטס ארויסגעשיקט יעדעם פון שטוב, ער האט געוואלט רעדן פריוואט מיט מיין זיידן, נאכ'ן ארויסקומען האט מיין טאטע געפרעגט פון זיידן וואס דער פאפא רב האט געוואלט, האט מיין זיידע איבערגעזאגט אז דער רבי ז"ל האט אים געזאגט, אז ער האט ביי זיך שוקל געווען איבער די אלע פעולות וואס די דאקטוירים טוען צוליב געזונט אז ס'האט אים זייער אפגעשוואכט, אז ס'איז טאקע דא א מצוה פון 'ונשמרתם מאוד לנפשותיכם', אבער נאכדעם וואס מ'טוט די פעולות פון 'ונשמרתם' ווערט ער זייער אפגעשוואכט און ער קען נישט לערנען און דאווענען כדבעי, האט דער רבי ז"ל געזאגט אז ער האלט אז ער איז נישט מחוייב צו פאלגן די דאקטוירים באופן זה.

דער רבי ז"ל האט דעמאלטס געבעטן פון מיין זיידן, אז ער זאל פועל'ן ביי די מקורבים אז מ'זאל אים לאזן גיין אויף דעם וועג.

שפעטער ווען מיין טאטע האט געהאט זיין אפאראציע פסח, און ס'איז געווען פארשידענע ענינים וואס מ'האט געדארפט טון, האט ער גענוצט די מעשה און געזאגט דער פאפא רב האט קלאר גע'פסק'נט אז אויב ס'שטערט עבודת ה' גייט נישט אן 'ונשמתרם מאוד לנפשותיכם'.

---

בדרכו לעיר פאפא, להסתופף בצל הקודש על ראש השנה כמקובל אצל חסידים.

**כשנכנס** הרב ז"ל אל הקודש פנימה לברכת שלום, הציע לפני מרן הויגד יעקב שלל של שאלות שנצטברו לו במשך הזמן בהיותו במחנה העבודה, וכמה מהן, היו שאלות דוקרות אשר היו מעידים ל"ע על הזמן בו נמצאים בעתים הללו, שאלות בהלכות חילול שבת, והנחת תפילין ועוד.

**בתוך** השיחה הציע הרב ז"ל שוב את שאלתו אם ישתמש באותם המסמכים לנסוע לארה"ק; הרב ז"ל היה בטוח שלאחר שישמע מרן הויגד יעקב שאלות קשות כזו, בודאי ישנה מעמדו אם לברוח מאירופה לארה"ק. אבל משמשע מרן הויגד יעקב את שאלתו, נענה ואמר לו בלשון של בקשה: "אבער דאך זעען מיר זיך נאך פון מאל צו מאל אויף א שבת; איך בעט דיר, פאָר נישט!" מאז סגר הרב ז"ל את התיק, ושוב לא התייחס כלל למסמכיו היקרים שהיו לו באמתחתו להציל את נפשו מיד האויבים הארורים ימ"ש.

**איש** סודו ר' יוחנן הי"ו סיים את הסיפור בהתרגשות: הרב ז"ל בעצמו סיפר לי את כל השתלשלות הדברים, וסיים לי בלב מלא רגש והתקשרות אל רבו: "יוחנן! דו ווייסט דאך וואס ס'איז געשען מיט מיר ביים קריג, און וואס כ'האב אלץ פארלוירן, אבער גלייב מיר, איך האב קיינמאל נישט מהרהר געווען אויף מיין רבי'ן!"

**מרן שליט"א**: דער טאטע ז"ל האט געליטן אויף 'גאַלד', ער פלעגט נעמען מעדעצינען אויף דעם, איז געווען אזא חזקה יעדע יאר פסח, אז אסרו חג תיכף נאך פסח האט מען אים געזען מיט ווייעדיגע פוס, די אידן געדענקען עס אז נאך פסח האט ער געהונקעט. איך גלייב נישט אז די מעדעצין איז געווען חמץ, נאר ער האט עס נישט געוואלט נעמען פסח.

**האדמו"ר מבית ש"צ ספינקא**: דער חידוש איז געווען דא וואס דער רבי ז"ל האט אויפגעטון מיט'ן כח הוראה אויף זיך אז 'ונשמרתם מאוד לנפשותיכם' איז נאר אויב עס שטערט נישט עבודת ה'.

**מרן שליט"א**: דאס איז אבער נישט געזאגט געווארן פאר יעדעם, דאס איז א העכערע זאך, ס'איז נישט פאר יעדעם. איך בין זיכער אז פאר יענעם וואלט ער נישט אזוי גע'פסק'נט, דאס איז נאר געווען פאר זיך.

**האדמו"ר מבית ש"צ ספינקא**: דער רבי ז"ל האט בכלל נישט גענומען קיין מעדעצינען פסח?

**מרן שליט"א**: ניין, אבער דער טאטע ז"ל האט געשריבן א תשובה להלכה וואו איז ער איז מקיל (ראה שו"ת ויען יוסף או"ח סימן רכה, רכו, רכז, רכח), אבער פאר זיך האט ער נישט מקיל געווען.

**מו"ץ הרה"ג ר' יצחק אהרן גאלדבערגער שליט"א**: שפעטער האט דער רבי ז"ל צוגעלייט א בלעטל צום תשובה, וואו ער איז נאכמער מקיל.

**מרן שליט"א**: איך בין געווען אמאל אין שטוב ווען איינער האט געפרעגט א שאלה און דער טאטע ז"ל האט אים גע'פסק'נט, האט יענער געגעבן א פרעג: "און וואס איז מיט א בעל נפש?" האט דער טאטע ז"ל אים געפרעגט: "וואס איז אייך א נפקא מינה?"...

**הגרי"א גאלדבערגער**: דער רמב"ם אין הלכות אבילות (פרק יד הלכה ז) זאגט א גרויסע חידוש, אז טאמער איינער קען מקיים זיין אדער מצות ביקור חולים אדער מצות ניחום אבלים,



דארף ער קודם גיין אויף ניחום אבלים פאר ביקור חולים, כאטש ביקור חולים דארף אפשר מער האבן דער וואס קומט, אבער ניחום אבלים איז נישט נאר פאר די לעבעדיגע נאר דער נפטר האט אויך הנאה אז מ'קומט מנחם אבל זיין.

**האדמו"ר מבית ש"צ ספינקא**: דא איז דאך די נפטרת אוועק יום טוב, איז וויניגער שייך דער ענין, ווייל ס'ווערט געברענגט אז טאמער ס'ווערט צוגעפירט א פטירה אין יום טוב, הגם אויף דעם עולם שטופט מען טאקע אפ די זמן פון אבילות, אבער אויף יענע וועלט טוישט מען נישט די זמנים, ממילא איז נאר די יקרא דחיי און נישט די יקרא דמותא.

**מרן שליט"א**: היינט איז נאך די זיבעטע טאג.

**הגרי"א גאלדבערגער**: ס'איז דא א מורא'דיגע **חתם סופר** (דרשות חתם סופר שבועות תקפ"ו), ער איז מספיד א בחור וואס ל"ע דערטראנקען געווארן שבועות, זאגט דער חתם סופר אז מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו, חז"ל זאגן דאך אז פליאה איז געזאגט געווארן אויף מיתת צדיקים, סתם אזוי אז אן ערליכער איד גייט אוועק פריידט מען זיך אויבן אבער דא אונטן איז דא אבילות, אבער טאמער אן ערליכער איד גייט אוועק אין א יום טוב'דיגע טאג דארף מען זיך דא אונטן אויך פרייען.

מיט דעם טייטשט ער, מאת ה' היתה זאת היא 'נפלאת' בעינינו, 'נפלאת' גייט ארויף אויף מיתת צדיקים, אבער זה היום עשה ה', אויב דער באשעפער מאכט עס אין א טאג פון א שמחה, דעמאלטס איז נגילה ונשמחה בו, וויל דער באשעפער אז דא אונטן זאל מען זיך אויך פרייען. זאגט דער חתם סופר, אז דאס אז ער איז אוועק אין אזא טאג איז א סימן אז ער איז געווען א צדיק.

**מרן שליט"א**: ס'איז מורא'דיגע ווערטער!

*

**מרן שליט"א**: דאס וואס מ'האט גערעדט אז דער ענין פון ניחום אבלים איז נישט נאר פאר די חיים נאר אויך פאר די נשמה, דאכט זיך מיר אז וועגן דעם טעם האט זיך דער טאטע ז"ל נוהג געווען צו לערנען משניות בבית האבל, אלץ ווען ער איז געגאנגען מנחם אבל זיין האט ער געלערנט משניות, ווייל דאס איז א חלק פון די ניחום אבלים.

**האדמו"ר מבית ש"צ ספינקא**: די אבלים האבן געזאגט קדיש נאכ'ן לערנען משניות?

**מרן שליט"א**: ניין, ווייל ס'איז א שאלה להלכה, וויבאלד דער וואס זאגט קדיש דארף דאך אויך מיטלערנען, אסאך האבן זיך געפירט נאך א דרשה אז דער אבל לערנט פאר זיך עפעס אנדערש און ער זאגט קדיש, אבער מ'האט עס נישט געטון, וועגן דעם פארשטיי איך אז מ'האט נישט געזאגט קיין קדיש[ה].

**האדמו"ר מבית ש"צ ספינקא**: ס'איז אינטערעסאנט, ווייל ווען מיין טאטע ז"ל איז געזעסן שבעה, איז געווען א רעדע וועגן דעם, און מיין טאטע האט געזאגט אז ער געדענקט אז ער איז געווען אמאל ביי א שבעה וואו דער רבי ז"ל איז געקומען מנחם אבל זיין און מ'האט יא געזאגט קדיש.

**מרן שליט"א**: קען זיין אז מ'האט אמאל געזאגט קדיש, אבער סתם אזוי האט מען נישט געזאגט קדיש.

**הגרי"א גאלדבערגער**: ביים **ראגאטשאבער זצ"ל** וואלט עס נישט געווען קיין פראבלעם, ווייל דער ראגאטשאבער האט געלערנט בימי האבילות, ער האט געזאגט: "ענדערש זאל מען מיר שמייסן אויף דעם, איך קען נישט אנדערש". נאכדעם האט מען אים געוויזן אז ס'איז דא א ירושלמי אז אויב אייער קען זיך נישט אפרייסן פון תורה מעג לערנען בימי אבילות.

**מרן שליט"א**: ביי אים איז די לימוד התורה נישט אריין בגדר מניעה פון שמחה, נאר ביי אים איז דאס געווען א צער אויב ער לערנט נישט, און דאס האבן די חכמים נישט געמיינט.

**האדמו"ר מבית ש"צ ספינקא**: ביי אן איסטניס האט מען דאך אויך מתיר געווען פארשידענע זאכן ביי אן אבל.

**הגרי"א גאלדבערגער**: רבי גמליאל רחץ בלילה הראשונה שמתה אשתו (ברכות טז:).

*

**מרן שליט"א**: מיין **מאמע [הרבנית הצדיקת] ע"ה** האט מיר דערציילט אז **הגה"צ רבי יונתן שטייף זצ"ל** האט גערעדט מיט'ן טאטן ז"ל אז ער וויל איינפירן אז די נשים זאלן נישט גיין שבת מיט קיין תכשיטים וועגן הוצאה, האט דער טאטע ז"ל געזאגט פאר ר' יונתן אז דער ציבור וועט עס נישט הארכן, האט ר' יונתן געענטפערט מיט זיין שפראך: "פאפויע רב, זי זענען גערעכט".

**האדמו"ר מבית ש"צ ספינקא**: מיין זיידע ז"ל האט טאקע נישט געלאזט גיין מיט קיין תכשיטים.

**מרן שליט"א**: פאר זיך פלעגט דער טאטע ז"ל יא מחמיר זיין. אמאל ווען דער טאטע ז"ל האט געקויפט פאר מיין מאמע א זייגער, האט ער מקפיד געווען אז ס'זאל זיין א גאלדענע דעקל - דעמאלטס פלעגט זיין אזא סארט זייגער - אזוי

**ה.** ויצויין, שכשהיה כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בשנת האבילות לא אמר קדיש אחר שיעור או דרשה, כמו שנהוג אצל העולם לומר משנה 'רבי חנניא בן עקשיא' אחר דרשה ולומר קדיש.

זעט מען נישט דעם זייגער, ס'איז בלויז אינעווייניג א זייגער און פונדרויסן א תכשיט.

גיין מיט א זייגער שבת איז א גרויסע דיון צווישן די פוסקים.

**הגרי"א גאלדבערגער**: ס'זענען געווען אסאך גדולים וואס האבן מתיר געווען האנט-זייגער'ס.

**מרן שליט"א**: ס'איז געווען לפי הענין, אבער מ'האט מדקדק געווען אויף דעם.

*

**הגרי"א גאלדבערגער**: ס'איז דא גרויסע מחלוקת אינעם ענין פון אבילות, צי מ'איז מחמיר אדער מקיל. אין תולדות קול ארי' ברענגען זיי אז **הגה"ק הקול ארי' זי"ע** האט שטענדיג נוטה געווען להקל, מ'האט אים געפרעגט פארוואס ער רייסט אויס הלכות אבילות, האט ער געזאגט: "איך רייס נישט אויס הלכות אבילות, איך וויל אויסרייסן אז ס'זאל נישט זיין קיין אבילות בכלל". אבער פון **כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע** ווייסט מען אז ווי מער מ'איז מחמיר אין אבילות איז עס א טובת נשמה.

**האדמו"ר מבית ש"צ ספינקא**: באמת איז דאס די איינציגסטע כיבוד אב ואם וואס מ'קען נאך טון יעצט, זיך מתאבל זיין און טון לטובת הנשמה. סזענען דא וואס זאגן אז געבן א נאמען נאכ'ן טאטן איז אויך אן ענין פון כיבוד אב, אן אייניקל וואס געבט א נאמען איז נישט אזוי ווייט דא דער ענין פון כיבוד,






אבער א קינד וואס געבט א נאמען נאך זיין אייגענע טאטן איז זיכער אן ענין פון כיבוד.

**הגרי"א גאלדבערגער**: ס'איז אינטערעסאנט אז די ערשטע נאמען אין די משפחה געבט מען נישט נאכ'ן טאטנ'ס זייט, נאר נאך די מאמע'ס זייט. דער ערשטער בעלזער רב זי"ע זאגט אז ס'שטייט (בראשית לח, ה) והיה בכזיב בלדתה אותה, געבט מען די ערשטע נאמען נאך די מאמע'ס זייט.

**מרן שליט"א**: דער מנהג פון געבן די ערשטע נאמען נאכ'ן שווער'ס צד קומט פון דעם ווייל מ'פלעגט עסן קעסט ביים שווער, האט מען אלס חייב אדם בכבוד ימיו געגעבן די ערשטע נאמען אין די משפחה פונעם שווער'ס צד, דאס איז מן הסתם א שפעטערדיגע מנהג.

**האדמו"ר מבית ש"צ ספינקא**: ס'ווערט גערעדט אז געבן א נאמען נאך משפחה איז א סגולה פאר אריכות ימים פאר'ן קינד.

*

**הר"ר יחיאל בוים הי"ו**: די רביצין האט זיך אלץ געזארגט אז יעדער מאנ"ש וואס האט געמאכט א שמחה זאל באקומען א מתנה, זי פלעגט מיר אלץ בעטן איך זאל איר ברענגען נאך, כדי צו קענען געבן מתנות, זי פלעגט אלץ באצאלן תיכף ומיד.

**מרן שליט"א**: זי האט געהאט גרויסע השגות אין דעם, געבן און באצאלן, זי האט געהאט א מורא'דיגע ארנטליכקייט און הכרת הטוב פאר יעדעם.

**הגרי"א גאלדבערגער**: אין קעמפ פלעגט מיר די רביצין אלץ רופן און זאגן א גוט ווארט, זי פלעגט מיר זאגן אז דער רבי ז"ל פלעגט אלץ זאגן אויף מיין טאטן **הרה"ח ר' אשר זעליג גאלדבערגער ז"ל** וואס ער איז געווען משגיח אויף די פלייש: "ווילאנג ר' זעליג איז מיין משגיח שלאף איך רואיג".

**מרן שליט"א**: איך געדענק ביי די שאלות אויף די קישקע'ס בין איך געווען שטארק אריינגעטון אין דעם, דער אופן וויאזוי ס'איז נולד געווארן די שאלה איז געווען, אז מ'האט כשר געמאכט פאר'ן טאטן ז"ל אין שטוב דרייסיג-פערציג עופות, בין איך נאכדעם געגאנגען אין געשעפט, כ'האב אפגעשניטן די קישקע און אריינגעלייגט אין יעדע עוף א פאפיר מיט א נאמבער, און אויף יעדע שטיקל קישקע האב איך געלייגט א נאמבער צו וויסן פון וועלכע עוף ס'קומט.

אזוי האב איך אלעס אריינגעברענגט צום טאטן ז"ל, און דער טאטע ז"ל האט דורכגעקוקט יעדע איינס, און געזאגט וועלכע ס'איז יא גוט און וועלכע ס'איז נישט גוט, און וועלכע ס'איז אפשר גוט אבער נישט פאר אים... אזוי איז געווען יעדע פיר וואכן בערך, ביז נאך א שטיק צייט האב איך געזאגט פאר'ן טאטן ז"ל: "וואס גייט דא פאר? אויב יעדע מאל טרעפט מען טריפות איז דאך דאס טריפות המצוי, דארף מען עס דאך בודק זיין?"

הערנדיג דאס האט דער טאטע ז"ל אנגעהויבן צו טראכטן דערוועגן אהער און אהין, שפעטער האט מיר דער טאטע ז"ל געזאגט: "ביזט גערעכט", דער טאטע ז"ל האט גלאזט רופן די וואס האבן געארבעט אין די בוטשער און געזאגט: "איך מאך צו דעם בוטשער, איך קען נישט האלטן אפן דעם בוטשער אויף דעם אופן".

דערנאך האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "איך האב אן עצה, אינדערהיים איז געווען אזא זאך ווי גלאט-כשר און בלויז כשר, איך וועל דא אויך מאכן אז ווער עס וויל גלאט-כשר דארף מער באצאלן". דער טאטע ז"ל האט זיך דעמאלטס אויפגעשטעלט און געזאגט ברבים, אז אויב מ'וויל נישט גלאט איז אן אנדערע זאך, אבער אויב מ'וויל האבן גלאט-כשר מוז איך הייסן העכערן די פרייז.

ס'איז געווארן אן איבערקערעניש אין די גאנצע שטאט, איינער פון די גרויסע רבנים זענען געקומען מיט טענות אז דער האט געזאגט אז מ'דארף נישט און יענער האט געזאגט אז מ'דארף נישט, אבער אזוי האט דער טאטע ז"ל געזאגט און מיט דעם האט ער זיך געהאלטן.

**הגרי"א גאלדבערגער**: לעומת זה, תיכף ווען ס'איז ארויס דעם פסק פון רבי'ן ז"ל איז עס געווען ממש פאר פסח, האב איך געפרעגט פון רבי'ן ז"ל וואס איך זאל טון ווען איך גיי צו מיין שווער, צי איך זאל נישט עסן פון זיין פלייש, האט מיר דער רבי ז"ל געזאגט: "איך האב מקובל פון רב ז"ל [מבעלזא] אז ווען מ'גייט צו א שווער האלט מען נישט די חומרות".

**מרן שליט"א**: איך געדענק ווען ס'איז ארויסגעקומען די ווייסע קעלבלעך, די ווייסע קעלבלעך האט מען געפיטערט מיט מילך געמישט מיט פעטן, איז געווען די שאלה אז די קעלבלעך זענען מפוטם מיט בשר בחלב, און בשר בחלב מדאורייתא איז אסור בהנאה. דעמאלטס זענען געקומען **כ"ק האדמו"ר הברך משה מסאטמאר זצ"ל** און נאך רבנים צום טאטן ז"ל אין שטוב פרעגן וועגן די ווייסע קעלבלעך צי ס'איז אויסגעהאלטן, צי ס'איז לכתחלה אדער נישט לכתחלה, מ'האט מברר געווען אז מדאורייתא איז דאך נאר אסור בישול ממש, און דאס איז נישט קיין בישול ממש

ממילא איז עס נישט אסור בהנאה, און מפוטם איז נאר אסור טאמער ס'איז מפוטם מיט אן איסור הנאה.[ו]

ו. המצאת ה'ווייסע קעלבלעך' היתה, שסגרו עגלות בתוך דיר קטן ופיטמו אותם עם חלב מעורב באיזה מין שמנונית של בשר, והיו בזה כמה חששות, חשש האחד, חשש טריפות שהיה מפוטמים מאוד ולא נתנו להם להסתובב בחוץ רק בתוך דיר קטן, וכריסם היו רחבות מאוד ורגליהם היו קצרים כמו תינוק בן יומו. חשש השני היה חשש של מפוטם בבשר בחלב, כיון שפיטמו אותם עם חלב מעורב בשמנונית של בשר.

**על** חשש השני נסובה כאן דברי כ"ק מרן שליט"א, שביררו שהיות שאין בבשר בחלב כזה איסור דאורייתא כיון שאינו דרך בישול, אם כן אין בזה איסור הנאה, ולפי זה אין שום חשש לפטם הבהמה עם בשר בחלב כזה, כיון רק באיסורי הנאה יש האיסור של מפוטם. (כ"ד מו"ץ הג"ר יצחק אהרן גאלדבערגער שליט"א).

**ר' יחיאל בוים**: יעצט פאר יום טוב ווען מ'האט געמאכט די עופות פאר'ן רבי'ן זאל זיין געזונט, איז געווען זיבעציג עופות און זיבן איז נישט גוט געווען צוליב שאלות אין די קישקע, דאס הייסט אז צען פראצענט איז נישט גוט געווען. ווען עס איז אינגאנצן געלעכערט איז עס טריפה, אבער טאמער ס'איז דא א שוועמל, ס'איז אייטערדיג, איז מען אויך מחמיר, אפילו ס'איז נישט געלעכערט.

**מרן שליט"א**: **הגה"צ ר' אברהם חיים שפיטצער זצ"ל** האט גערעדט מיט'ן טאטן ז"ל דערוועגן, ביים רעדן מיט אים האט זיך דער טאטע ז"ל צעשריגן: "וואס זאגט איר אז ס'איז






נישט רויט? ס'איז יא רויט!" נאכדעם האט אים דער טאטע ז"ל מפייס געווען.

**הגרי"א גאלדבערגער**: אויף די נושא האט זיך דער רבי ז"ל אויסגעדרוקט: "מ'קען קענען יורה דעה, אבער מ'דארף אויך קענען די מציאות".

**מרן שליט"א**: מ'האט גערעדט דא צופרי פון הלכות מקוואות. ס'איז געווען ווען מ'האט געהאלטן ביים בויען א מקוה אין קעמפ, **הרה"ח ר' משה חיים גליק ז"ל** איז געווען מענעדזשער און מ'האט געברענגט א קאנטראקטער, דער קאנטראקטער האט אריינגערעדט און גזאגט אזוי און אזוי, האט דער טאטע ז"ל געזאגט פאר ר' משה חיים: "וואס ברענגסטו מיר א קאנטראקטער וואס קען הלכות מקוואות"...

**הגרי"א גאלדבערגער**: איך געדענק ווי דער רבי ז"ל פלעגט זיך טובל'ן ממש אין די בור אריין.

**מרן שליט"א**: דאס איז געווען אין קעמפ קעפיטאל, ס'איז געווען גאר א נידריגע וואסער.

**ר' יחיאל בוים**: איך געדענק אין קעמפ קעפיטאל ווען מ'האט געמאכט די עירוב, איז איינער געווען אויפ'ן דאך מיט א האמער, דער רבי ז"ל האט זיך צוגעקוקט וואס ער טוט און געזאגט: "עה, וואס ווייסטו נישט וויאזוי מ'האלט א האמער"...

**הגרי"א גאלדבערגער**: דער רבי ז"ל האט דעמאלטס געזאגט: "ס'איז נישט קיין מצוה צו זיין א בטלן"...

**מרן שליט"א**: ביי די סוכה האט דער טאטע ז"ל מדקדק געווען לכתחלה אזוויי דער פרי מגדים ברענגט אז מ'זאל מאכן די גאנצע סוכה מיט א מין וואס איז כשר לסכך.

איינער האט מיר דערציילט, אז ער האט געהאלפן מיט די סוכה ביים טאטן ז"ל, ער האט גענומען א האלץ עס אונטערצולייגן ביים סוכה און ער האט געוואלט ברענגען א מעסטער צו זען אויב די האלץ איז גראד, האט אים דער טאטע ז"ל געזאגט: "קום אהער, איך וועל דיר ווייזן וויאזוי מ'מעסט דאס, נעם א גלעזל וואסער, לייג עס ארויף, וועסטו זען צי ס'איז גראד צי נישט".

היינט צופרי האט מען דא גערעדט פון הלכות מקוואות. אין אנטווערפן איז געווען א איד א גרויסער עושר וואס האט געבויט א ספָּא. ער איז געווען מיליאנער, ס'האט אים נישט געפעלט קיין געלט, האט מען אים אונטערגעזאגט אז זאל שוין אויך מאכן דארט א מקוה; קיין געלט פעלט דאך אים נישט... האט ער געמאכט אויך א מקוה.

אין לאנדאן איז געווען **הג"ר מאיר פאזען**, ער איז געווען אזוויי דער **העלמעצער רב זצ"ל** אין אמעריקא, ער איז ארומגעפארן און געבויט מקוואות, דער הרב פאזען האט אים געמאכט די פלאן פון די מקוה און באופן זה האט מען געבויט די מקוה.

יענע תקופה איז דער **אוהעלער דיין הג"ר שמואל זאב ראטה זצ"ל רב דחסידי בעלזא בני ברק** געווען דא ביים טאטן ז"ל, האט ער גערעדט וועגן די מקוה דארט אין אנטווערפן און ער האט מעורר געווען עפעס א קליינע שאלה אויף די מקוה, האט אים דער טאטע ז"ל געזאגט: "מ'קען זיך אנטשעפענען אין דעם", ער האט נישט געזאגט אז ס'איז פסול, אבער ביי מקוואות איז מען דאך מחמיר האט ער געזאגט אז מ'קען זיך אנטשעפענען אין דעם.

מער פון דעם האט מען שוין נישט געדארפט, ווען דער אוהעלער דיין איז אהיימגעקומען קיין אנטווערפן האט ער זעט זיך אויס געזאגט פאר אפאר היימישע יונגעלייט דארט אז ער איז געווען אין ניו יארק ביים רבי'ן און דער רבי האט געזאגט אז מ'קען זיך אנטשעפענען אין די מקוה, ממילא איז געווארן אזוי, אז ס'זענען געווען אידן וואס האבן זיך מונע געווען פון נוצן דעם מקוה.

די שמועה איז געקומען צו די אויערן פון הרב פאזען אז דער טאטע ז"ל האט עפעס געזאגט אויף די מקוה, האט ער געשריבן א תשובה צום טאטן ז"ל פרעגן 'מהיכן דנתני'. דאס איז געווען סוף ימיו פון טאטן ז"ל און דער טאטע ז"ל האט שוין נישט געשריבן געהעריג, האט ער געהאט א ברודער דאהי אין וואשינגטאן-הייטס **הג"ר יעקב פאזען שליט"א**, ער האט געמאכט עטליכע חיבורים, ער איז געווען א חשוב'ער איד, איך האט געהאט שייכות מיט דעם הרב פאזען פון וואשינגטאן-הייטס, האט ער מיר געבעטן בשם זיין ברודער אז איך זאל פועל'ן ביים טאטן ז"ל אז ער זאל אים ענטפערן 'מהיכן דנתני'.

דער טאטע ז"ל האט דעמאלטס משיב געווען מיט א תשובה אז ער האט נישט געזאגט אז די מקוה איז פסול, נאר אין תשב"ץ שטייט אז ביי א מקוה זאל מען מחמיר זיין אפילו אויף א שיטה יחידאה, נאכדעם האט אים דער טאטע ז"ל געשריבן זיין הערה אויף די מקוה, אז ס'איז געווען עפעס אן אוצר מים מיט א שטאפער פון אייזן, און דארט האט ער געהאט א הערה אויף די כשרות[ז].

---

**ז.** ראה שו"ת ויען יוסף יו"ד סימן רלה (ב' ויקרא תשל"ו): לכבוד הרב וכו' הגאון המפורסם לשם ולתהלה חריף ובקי בחד"ת וכו' מו"ה מאיר פאזען שליט"א רב בק"ק לאנדאן יע"א.

איך געדענק ווי **הרה"ח ר' לייבוש קליין** (זאל זיין געזונט און שטארק) [ז"ל] איז געגאנגען מיט'ן טאטן ז"ל קוקן די מקוה אין קעמפ. דעמאלטס איז נישט געווען אזויווי היינט אז אלעס איז פאר געלט, די אידן האבן געארבעט פאר די מוסדות אומזינסט, ר' לייבוש קליין איז געווען א איד וואס האט געדרייוווט יעדן טאג די באס צו די ישיבה אין קווינס אומזינסט.

זיין טאג אין קעמפ האט זיך אנגעהויבן דרייע פארטאגס, איז ער געגאנגען פרעגן דעם טאטן ז"ל: "ווען וויל דער רבי פארן צו די מקוה?" האט דער טאטע ז"ל אז ער וויל פארן נאכ'ן דאווענען, דאס האט געמיינט בערך צענע צי האלב עלעף. נאכ'ן דאווענען איז מען ארויסגעגאנגען צו די מקוה, ער האט געמיינט אז מ'גייט סתם קוקן די בור, אנקומענדיג צום מקוה פרעגט אים דער טאטע ז"ל: "וואו איז די לייטער?" דער טאטע ז"ל איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן דאך און באקוקט די צינורות, ר' לייבוש האט זייער מורא געהאט ס'איז געווען סכנה'דיג, אבער דער טאטע ז"ל האט זיך נישט צוטון געמאכט, ער איז ארויפגעקראכן אויפ'ן דאך און באקוקט די צינורות.

**ר' יחיאל בוים:** איך געדענק אז ווען מ'האט געמאכט די מקוה אין קעמפ קעפיטאל, איז געווען ציגל דארט וואו די וואסער האט אראפגערינען, אין די ציגל איז געווען אריינגעקריצט אותיות, האט דער רבי ז"ל געהייסן אנשמירן מיט פעך די אותיות אויף די ציגל, כדי ס'זאל נישט זיין קיין בית קיבול.

---

**אחדשת"ה**, הנה נשלח לי ע"י אחיו הה"ג מפה מכתבו דמר, שבו ביאר אופן המקוה שנעשה בק"ק אנטווערפן, ובקשתו לחוות דעתי, ואני תמה מאחר שכבר הוסכם מהרבנים דלאנדאן ומאה"ק שליט"א למה עוד לפנות אלי, ואני מונע עצמי מלהורות במקום שיש שם מורה הוראה, וכעת נוסף לי עוד טעם למנוע מצד מצב בריאותי ל"ע, ה' ירפאני, מ"מ התיישבתי דלאו אורח ארעא שלא להשיב אבל לא יכולתי לעיין כל הצורך ובכל הספרים שציין במכתבו, וכתוב רק בקיצור אשר עלה ברעיוני מידי עברי בין בתרי מכתבו, וה' יצילני משגיאות.




**מרן שליט"א**: ס'איז געווען גוי'אישע אותיות. איך געדענק אז דארט אין קעפיטאל איז געווען א שטיקל שאלה, ווייל די מקוה איז געווען אונטער די קאך, און ווען מ'האט געוואשן די קאך האט אראפגעטראפט פון די קאך צו די מקוה.

מענטשן מיינען אז דער טאטע ז"ל איז געווען א מחמיר, ער האט געהאט א שם פון א מחמיר, אבער ס'איז נישט אזוי, ער האט פשוט אמת'דיג דן געווען אויף יעדע פרט.

דער טאטע ז"ל האט געהאט חילוקי דעות מיט **הגה"ק צעהלימער רב זצוק"ל** אויב מ'מעג קלענער מאכן די פייער יום טוב, דער טאטע ז"ל האט גע'טענה'ט אז אויב וויל מען אינמיטן יום טוב א קליינע פלאם דארף מען מאכן פאר יום טוב צוויי פלאמען, א גרויסע מיט א קליינע [ח].

**הגרי"א גאלדבערגער**: צעהלימער רב האט אויסגערופן אין בית המדרש אז אפילו ער האלט זיך ביי זיינע, האט ער אבער נישט קיין ברירה, היות ער האט צוויי לייבן - דאס האט ער געמיינט **כ"ק האדמו"ר הדברי יואל מסאטמאר זצ"ל** און **כ"ק האדמו"ר מצאנז-קלויזענבורג זצ"ל** - וואס זיי ביידע האבן אים געבעטען אז ער זאל נישט מקיל זיין אין דעם, כדי ס'זאל נישט ווערן אין דעם א פירצה [ט]. דאס הייסט דער רבי ז"ל האט געהאלטן אנדערש ווי אים אבער ער איז נישט געקומען מיט קיין טענות אז ער זאל נישט ארויסקומען מיט זיין פסק, אבער די אנדערע צוויי רבנים זענען געקומען צו צעהלימער רב מיט א בקשה אז ער זאל נישט ארויסקומען מיט זיין פסק כדי ס'זאל נישט ווערן קיין פירצה דערין.

*

**השיחה נסובה אודות מה שכתב מרן הערוגת הבשם בצוואתו ללמוד לעילוי נשמתו ולהזכיר 'משה בן אסתר'.**

**הגרי"א גאלדבערגער**: ס'איז דא א גאנצע שמועס פארוואס דער ערוגת הבשם האט געהייסן מ'זאל אינזין האבן משה בן אסתר [י].

**הרה"צ רבי פינחס חיים שליט"א**: מ'האט אינזין ביידע, סיי דער טאטע'ס נאמען און סיי די מאמע'ס נאמען [יא].

**מרן שליט"א**: ס'איז מקובל, אז דער ערוגת הבשם האט געהאלטן אז דער עיקר תורה האט ער פון זיין מאמע, ווייל ער איז געווארן א יתום פונעם טאטן ביי די זיבעצן יאר און די מאמע האט אים אויפגעוועקט פארטאגס ער זאל לערנען, ממילא האט ער תולה געווען זיין תורה אויף זיין מאמע [יב].

---

**ח.** ראה בשו"ת ויען יוסף או"ח סימן שלב, שם מאריך כ"ק מרן ז"ל בפרטי האיסור, ונעתיק רק תחלת וסוף דבריו: כעת ארשום בזה בהנוגע להלכות יום טוב, דידוע דע"י סיבוב בית אחיזה שבו מגדילין ומקטינין הלהב של הגעז, ודרך תשמישו הוא דבתחלה מדליקין אותו בלהב גדול דכך נוח לחדליקו ואח"כ מקטינין הלהב ומגדילין אותו כפי צורך הבישול, דאם הלהב תמיד גדול אז מקדיח התבשיל.

**ומסיים** שם מרן ז"ל בדבריו: על כן נראה דיש ללמד לנשים המבשלות שלא יסובבו השרויף להקטין הגאז ביום טוב, וכשיריאות שלא יקדיח התבשיל, תעשנה כהעצה הנלמד מהמחבר באו"ח סימן רנ"ג ס"ג, דהיינו לשום קדירה ריקנית כפויה על פיה על הלהב, ועל גבה תעמיד הקדירה המתבשלת, דאז האש רחוק ולא יקדיח התבשיל, ותכין לכך קדירה מערב יום טוב הראויה לכך, ובאופן זה תוכל להחליף הקדירה בכל פעם מאש חזק לרפה או איפכא כרצונה מבלי להצטרך להכניס עצמה בחשש איסור כיבוי, או שתדליק בתחילה ב' להבים בהכירה אחד קטן ואחד גדול כדי שבאמצע הבישול תוכל להחליף הקדירה ולהסירה מהלהב הגדול להקטן.

**ט.** ראה בשו"ת מגדלות מרקחים להגה"ק מצעהלים זצוק"ל, הערת המו"ל באו"ח סוף סימן צז, שם מתיר אפילו לכבות לגמרי אש ה'גאז' ביום טוב: מדברי מרן זצ"ל נראה שדעתו להתיר לכבות לגמרי, ולא שמענו שהורה כן למעשה, וכנראה משום דהוא מילתא דתמיהא. ובדבר הקטנת להב הגאז שלא לצורך בישול, התווכחו עמו מגדולי דורנו שדעתם נוטה לאיסור, ואם כי ידענו בבירור שדעתו לא זזה מהוראתו (כי כן שמעתי מפ"ק), בכל זאת הכריז בבית מדרשו ברבים כי מאחר ורבו עליו חביריו בנידון זה, הוא חוזר מהיתרו למעשה.

**י.** ראה בהצוואה הק' 'הכנה דרבה' (אות לה): לכן עתה באתי לבקש מכם, הנה הגיע העת והעונה לעשות עמי אות לטובה לקיים עמי גמילות חסד של אמת, שילמוד כל אחד ואחד פרק משניות לזכות נשמתי, מלבד מה שלומדים בחבורות משניות שנתייסדו לשם זה, יוסיף כל ואחד אחד ללמוד פרק אחד, ויאמר בפה מלא קודם לימוד - הריני לומד משניות זה לקיים מצות עשה של תלמוד תורה, ויהי רצון שיהיה לזכות נשמת משה בן אסתר.

**יא.** ראה בספר הבשם והשמן (עמוד תרכא) העתק ממכתב קודש של כ"ק מרן זצוק"ל בשפת אידיש אל הר"ר יחיאל מיכל דאווידאוויטש: "איך בעט אייך א טובה, איהר זאלט אזוי גוט זיין און אנצינדען א ליכט אויף דער מצבה, ווען מעגליך א שמן לעמפל, ווען נישט א פשוט גרויס לעכט, און ארויס זאגען דאס איהר זענט א שליח פון אייניקל יוסף בן שרה רבקה, אין זיין שליחות צינד איהר דאס ליכט לעילוי נשמת זקנו משה בן עמרם ובן אסתר, און דערנאך זאלט איהר מוחל זיין זאגען, יהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיהא רבינו משה בן אסתר מליץ יושר בעד נכדו יוסף בן שרה רבקה ובעד זוגתו מרים בת חנה, ובניהם ובנותיהם חנה בת מרים וכל משפחתה, יעקב יחזקי' בן מרים וכל משפחתו, ישראל מנחם בן מרים וכל משפחתו, שרה רבקה בת מרים, יוכבד אסתר בת מרים, אהרן בן מרים, להנצל מכל צער ויגון ולרפואה שלימה ולחיי נחת בתורה ויראת שמים".

**יב.** ראה מה שכתב הגה"ק מצעהלים זצוק"ל בשו"ת מגדלות מרקחים יו"ד סימן עז: מה שתמהת על כ"ק אאמו"ר זצ"ל שכתב שם אמו, הוא מטעם הכמוס. הנה אביו היה תלמיד חכם גדול צדיק ותמים, ועיר מונקאטש שמו עיניהם עליו לשום עליו כסא הרבנות, אבל לא רצה כי היה לו גדר שלא לקבל על שכמו כסא רבנות, והיה לו מסחר גדול של בוי מאטעריאל [חומרי בניה], ומזה היה מתפרנס, אבל בעוה"ר שבק לן חיים בעודו צעיר לימים ולא הגיע עוד לשנת הארבעים, והניח אחריו עשרה יתומים ואבי זצ"ל היה הבכור והיה אז כבן שבע עשרה שנה ועליו היה מוטל לנהל העסק, ואמו ע"ה היתה שומרת עליו בכל לילה שעה ב' באשמורת שיקום ללמוד, ואמר שתורתו היא של אמו, כן שמעתי ממנו, ועל כן היה ברצונו להזכיר עליו שם אמו.

**הגרי"א גאלדבערגער**: דער רבי ז"ל האט געוויזן פאר **כ"ק האדמו"ר רבי שלמה מבאבוב זצ"ל** די הלכה וועגן זאגן הרני כפרת משכבה אויף א מאמע, ס'איז א פלא אז ס'שטייט נישט אין הלכות אבילות נאר אין הלכות כיבוד אב ואם.

**מרן שליט"א**: איך געדענק עס, איך בין דארט געווען. דער באבובער רב האט געפרעגט פון טאטן ז"ל די הלכה צי מ'זאגט אויף א מאמע הרני כפרת משכבה, האט דער טאטע ז"ל געהייסן מ'זאל אים ברענגען שלחן ערוך יורה דעה, האט ער באלד אויפגעמישט צי הלכות כיבוד אב ואם (סימן רמ סעיף ט) און געוויזן די הלכה אז אויף א מאמע זאגט מען אויך הרני כפרת משכבה[יג].

**הרה"צ רבי פינחס חיים**: ס'שטייט אין הלכה אז ווען מ'זאגט א מימרא בשם דעם טאטן זאגט מען הרני כפרת משכבו, ביי א מאמע איז דאך אויך דא תורה, אל תטוש תורת אמך.

**משב"ק הרה"ח ר' יעקב יוסף ניישלאס שליט"א**: דער ויגד יעקב האט געזאגט א טעם פארוואס דער ערוגת הבשם האט געהייסן אינזין האבן 'משה בן אסתר', וויבאלד דער נאמען 'משה בן עמרם' איז צי א גרויסע טיטל, האט ער געוואלט אז מ'זאל אים מזכיר זיין 'משה בן אסתר'[יד].

**הרה"צ רבי פינחס חיים**: ס'האט מיר דערציילט **הר"ר יעקב יחזקי' געשטעטנער הי"ו** פון טאראנטא, אז **הגה"צ רבי עמרם געשטעטנער זצ"ל** האט געוואלט געבן א נאמען 'משה', אבער **כ"ק מרן מבעלזא זי"ע** האט נישט געלאזט, זאגנדיג: "ס'איז נאר דא איין משה בן עמרם".

**מרן שליט"א**: ר' עמרם געשטעטנער דער טאטע פון **הגה"צ רבי נתן געשטעטנער זצ"ל** האט געהאט א זון 'משה'.

**הרה"צ רבי פינחס חיים**: יא, למעשה האט מען יא געגעבן דער נאמען 'משה' און ס'האט אים געשאדט.

**מרן שליט"א**: ס'איז דא אזא שמועה אז מ'געבט נישט דער נאמען 'עמרם' אליין, נאר צוזאמען מיט נאך א נאמען. אבער למעשה זעט מען אז ס'איז יא דא אסאך עמרם'ס, מיין רביצין'ס פעטער האט געהייסן 'עמרם' [**הרה"ח ר' עמרם גרינוואלד ז"ל** בן **הגה"ק רבי אברהם יוסף מאונגוואר זצוק"ל**].

**הגרי"א גאלדבערגער**: דער רבי ז"ל האט בזוו"ר געהאט א קינד 'עמרם יהודא', איז דאך דאס א ראי' צו די זאך.

**הדומ"ץ שליט"א**: דער זיידע **הגה"ק רבי עמרם מטשארנא זי"ע** איז דאך אוועק יונג.

**הגרי"א גאלדבערגער**: די גמרא זאגט אין בבא בתרא (יז:) אז עמרם מת בעטיו של נחש, קומט דאך אויס אז ס'איז גאר א הויעכע נאמען, און בעלזער רב ז"ל האט דאך גזאגט פאר מיין פעטער אז ער זאל נישט צאמשטעלן דער נאמען פון זיין טאטן מיט'ן נאמען פון **אור החיים הק'**, דער רב ז"ל האט זיך אנגעכאפט די גארטל און געזאגט: "ער איז געווען א סאמע מלאך".

**מרן שליט"א**: דער מאנטרעאלער רב האט געוואלט מאכן א פירוש אויפ'ן אור החיים הק', האט ער געשיקט פרעגן פון רב ז"ל איבער דעם, האט דער רב ז"ל געזאגט: "זאג אים, ער זאל זיך זוכן בעסער'ס". כ'האב שוין לאנג געהערט די מעשה, אבער יעצט האב איך געזען ברענגען אז **הרה"ח ר' יחזקאל קאטצבורג ז"ל** איז געווען דער שואל.

**א' הרבנים**: דער טאטע פון **הגה"ק דער שאצער רב זצ"ל** האט געהייסן 'יוסף בן מרים', ער האט אמאל געגעבן א קוויטל פאר **כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע**, האט ער אים געזאגט: "א איד הייסט נישט יוסף בן מרים, אותו האיש האט אזוי געהייסן", האט דער מיטעלער בעלזער רב געהייסן צוגעבן א נאמען פארדעם און נאכדעם, פארדעם 'מרדכי' ווייל ס'איז געווען פורים צייט און נאכדעם 'משה', האט ער געהייסן 'מרדכי יוסף משה', דאס איז געווען **הרה"ק ר' מרדכי יוסף משה מסוליצא זי"ע**.

**מרן שליט"א**: ס'ווערט נישט געברענגט אין ערגעץ, אבער איך האב געהערט פונעם **שאמשאנער רב הגה"צ רבי גבריאל יהודא אילאוויטש זצ"ל** אז דער נאמען 'עמרם' ביי די אשכנזים שטאמט פון **הגה"ק רבי עמרם חסידא זי"ע**.

**הציבור עובר לנחם.**

---

**יג.** ראה בשו"ע שם: חייב לכבדו אפילו אחר מותו, כיצד, היה אומר דבר שמועה מפיו, אומר כך אמר אבא מארי הריני כפרת משכבו אם הוא תוך שנים עשר חדש, ואם הוא לאחר שנים עשר חדש אומר זכרונו לברכה. הגה, ואין חילוק בין אם לאב בכל זה.

**יד.** ראה בספר הבשם והשמן (עמוד שלח) מכתבי הגה"ח ר' יצחק דוד הכהן פריעדמאן ז"ל: ושמעתי מפי כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק הויגד יעקב זצ"ל שאמר בליל שבת לפני ז' אב שהוא יומא דהלולא, על ענין פלא שכתב בספר הקדוש הכנה דרבה דף ע"ט אות ל"ה שביקש מבניו ותלמידיו שילמדו אחר פטירתו משניות לטובת נשמתו ויאמרו שהלימוד יהיה לטובת נשמת משה בן אסתר ע"ה ולא משה בן עמרם, אף שמנהג חסידים להזכיר אחר הפטירה שם האב. ואמר שאפשר מרוב ענותנותו של אביו הערוגת הבשם חשש דכשיזכרו משה בן עמרם יהיה הכל לזכות משה רבינו שעל ידו קבלנו תורה בסיני, לכן ביקש שיאמרו בפירוש משה בן אסתר, ועי"ז יזכה גם הוא שיפקד לטובת נשמתו והבן.


ב"ה
הופיע
מחדש!
הספר המפורסם ורב מכר
מהדורה חדשה ומורחבת
עם הרבה הוספות והערות
עם פרק חדש! הל' עירוב תבשילין
הספר שרבים ציפו לו
ספר שלחן יום טוב
ב' כרכים
בו נקבצו
כל הלכות יו"ט
החל ממקורם בשו"ע וספרי הפוסקים ועד להוראות והכרעות האחרונים פוסקי זמנינו ועד להלכה למעשה על כל ההלכות והשאלות המצויות, מסודר בלשון קל וצח בדפוס נאה ומשובח.
מאת הגה"צ
רבי פינחס חיים גרינוואלד שליט"א
רב דק"ק באבא מאנסי
ספר שלחן יום טוב
הלכות יום טוב
קחו ברכה אל בתיכם
יעצט דא נאכאמאל צו באקומען!
שירה
718.871.8652
ALES@SHIRAHDIST.COM


תלמוד תורה
צאן יוסף פאפא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עטת"ר שליט"א
ערב חג הסוכות תשפ"ז
ברכות החג
למחזיקי התורה
ברגשי הכרה והודאה הננו בזה להביע מיטב ברכותינו מול הני אנשים יקרי הערך, רודפי צדקה וחסד, רחומי ומוקירי רבנן ותלמידיהון, ביד רחבה וברוח נדיבה בלב ונפש חפיצה
אדירי התמיכה לימין מוסדותינו בכל זמן ועידן
הרבני הנגיד ר' חיים בן ציון ווייס הי"ו
הרבני הנגיד ר' מיכל מאסקאוויטש הי"ו
פטרוני ההנחות הכבירות בחניות העיר למלמדי התשב"ר לקראת ימי החג
הרבני הנגיד ר' עזריאל מאיר וועבער הי"ו
הרבני הנגיד ר' אלי' זיידנפעלד הי"ו
שתרמו מהונם סכומים נכבדים לכבוד מלמדי התשב"ר לקראת ימי החג
זכות החזקת מצדיקי הרבים ככוכבים אלו מלמדי התינוקות יעמוד להם לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.
בברכת חג שמח!
אהרן צבי ברילל
יוסף גרינוואלד

# דברות קודש

**אצל מעמד 'יום עמודי תורה' - מיוחד לנגידים ותומכי כוללנו הק'**

**יום ב' סליחות תשפ"ו לפ"ק**

## התחנני בבקשה

מ'האט שוין גענוג גערעדט פריער, אונז זענען מתפלל ביי די סליחות (לצום גדלי') תורה הקדושה התחנני בבקשה, די תורה הק' זאל בעטן פאר אונז. אז די תורה דארף בעטן פאר אונז, וואס צאלן אונז איין אויף דעם? אונז צאלן איין 'כבוד התורה'.

וואס איז דאס 'כבוד התורה'? כבוד התורה מיינט נישט שיינע ווענט אדער שיינע לעקטער אין כולל, אודאי דארף מען דאס אויך האבן, אבער נישט דאס איז די כבוד התורה. כבוד התורה איז אז מ'קוקט זיך ארום וואס עס טוט זיך דא אין כולל, די לשון 'תורה' איז מלשון 'מורה', תורה לערנט פאר א איד וויאזוי זיך צו פירן, אין דעם כולל וואקסן חשוב'ע יונגעלייט וואס זיי מאכן זיך טאקע נישט צוטון פון זיך, אבער מ'זעט ווי זיי שטייגן אין עבודת ה' מיט אן ערנסטקייט, מיט א ווארעמקייט, מיט א חסיד'ישקייט און מיט מדות טובות, זיי האלטן זיך שטארק און פעסט, זיי וואקסן ברוך ה', וממנו פנה ויתד אז ס'לייכט אויף יעדעם איינעם.

## שותפים בתורה

יעצט רעדט מען דא צו די שותפים אין דער כולל, מ'האט שוין פריער ערוועגט די געוואלדיגע זאך פון זיין א שותף, וואס זיי טראגן א געוואלדיגע חלק אין די גאנצע זאך דא.

די וועלט זאגט אז אן געלט איז נישט דא קיין חתונה, יעדע תורה איז דאך אזויווי א חתונה אזויווי ס'שטייט (משלי לא, י) אשת חיל מי ימצא, אז אונז נעמען די יונגעלייט דא צו לערנען דארף מען זיי דאך געבן, אזויווי אמאל פלעגט מען


באנו בזה להביע מיטב ברכותינו ואיחולי מזל טוב מול ידידנו היקר, שמו הטוב הולך לפניו, יושב בין אהלי שם ועבר על התורה ועל העבודה, ירא את ה' ובמצותיו חפץ מאוד, הולך תמים ופועל צדק, נח לשמים ונח לבריות, עושה מלאכתו באמנה ובמסירות, רץ כצבי וגבור כארי לפעול ולהפעיל למען כל דבר טוב, אומר מעט ועושה הרבה, עושה ומעשה בכל לבו ונפשו, כי לו נאה לו יאה שבח ותהלה, ה"ה

**האברך החשוב הר"ר חיים יוסף כהן הי"ו**

**עסקן נמרץ למען קופת חתנים**

לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב

יתן השי"ת שיזכה לראות רוב תענוג ונחת, ויהיה ביתו בית מלא ברכת ה', יתברך עם כל הברכות ועם כל מיני השפעות טובות, בני ברוכי חיי ארוכי ומזוני רויחי, הרחבת הדעת וסייעתא דשמיא בכל אשר יפנה, וימלא ה' משאלות לבבו לטובה ולברכה אכי"ר.

**החותמים בברכה**

**הנהלת קופת חתנים**

געבן נדן מיט קעסט פאר די יונגעלייט, דארפן אונז דא אויך געבן פאר זיי.

מיט דעם האבן די שותפים א גרויסע חלק אין דעם, און אויף דעם קומט זיך זיי שטארקע גרויסע קרעדיט און הכרת הטוב, עס קומט נישט אן גרינג, און די יונגעלייט דארפן דאס אויך מכיר טוב זיין, כאטש די יונגעלייט זענען דאך שותפים מיט זיי, דארף מען אבער אפילו א שותף מכיר טוב זיין.

די אלע שותפים זאלן וויסן אז מיט א פשוט'ע ביזנעסדיגע חשבון איז דאס א גוטע קרן וואס ס'וואקסט דערפון, אז מ'שטעקט איין אין אזא זאך איז דאס א גוטע ביזנעס.

## הכנה ליום הדין

חוץ מזה איז דאס טאקע א הכנה צום יום הדין און די הייליגע טעג, די יאר איז דאך ראש השנה שחל בשבת, ס'שטייט אין די משנה (ראש השנה ד, א) יום טוב של ראש השנה שחל להיות בשבת, א תלמיד חכם איז דאך בבחינת שבת, דאס אליין אז מ'קומט צום יום הדין מיט די כח פון 'שבת' פון שטיצן תלמידי חכמים איז דאס אליין א יום טוב אנשטאטס די תקיעות, די תורה איז אליין איז שוין א זאך.

אמרו לפני מלכיות כדי שתמלכוני עליכם; וויאזוי איז מען ממליך מלכותו יתברך? אלעס דורך די תורה הק'. 'זכרונות' גייט ארויף אויף די מחשבה פון א איד, די גאנצע מחשבה ווערט אויסגעאיידלט דורך די תורה הק'. 'במה בשופר', דאס איז דורך שפרו מעשיכם וואס דאס קומט אויך פון תורה הק'.

זאל דער אייבערשטער העלפן מ'זאל זוכה זיין צו אלע השפעות טובות, מ'זאל זוכה זיין צו ברך עלינו ה' אלקינו את השנה הזאת, די פאר טעג פון די יאר זאל מען נאך קענען פועל'ן וואס מ'דארף צו פועל'ן, מ'זאל זיין צוגעגרייט צום הייליגן טאג, מ'זאל זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה און צו כל מיני השפעות טובות, אונזערע עלטערן בעולם העליון זאלן מגין זיין אויף אונז, זיי זאלן אונז באגלייטן און צושטיין צו די זכותים, זיי זאלן מלמד זכות זיין אויף אונז, מ'זאל ווערן אפגעהיטן פון אלעס וואס מ'דארף אפגעהיטן ווערן.

מ'זאל זוכה זיין צו כל מיני ישועות, צו הרמת קרן התורה, בביאת משיח צדקנו בב"א.

* * *

# דברות קודש

## אצל מעמד הדינער 'שהחיינו' לטובת מוסדותינו הק'

**מוצאי שב"ק בשלח תשפ"ו לפ"ק**

## הודאה להשי"ת

א גוטע וואך חשוב'ע אידן.

איך וועל פראבירן צו מקיים זיין דעם מאמר חז"ל (אבות א, טו) אמור מעט ועשה הרבה, ממילא וועל איך נאר זאגן אפאר ווערטער.

דאס ערשטע זאך פאר מ'הייבט אן דארף מען לויבן דעם אייבערשטן, דאס איז די ערשטע זאך, מ'דארף לויבן דעם אייבערשטן אויף דעם וואס מ'איז זיך צאמגעקומען אויף אזא זאך, אז ס'ווערט מקויים דעם 'אנו רצים והם רצים', יעדער איינער וויל זיך צאמקומען און זיך פרייען, אבער אונז זענען זיך צאמגעקומען אויף אזא דבר חשוב מאוד, דארפן מיר לויבן דעם אייבערשטן אויף דעם.

## הכרת הטוב לנדיבים

נאכדעם וויל איך דאנקען דעם אייבערשטן, אונז זענען דאך דא געקומען אויף חינוך, מ'האט געמאכט דא וואס מ'רופט א 'חנוכת הבית' אויפ'ן בנין, א 'חנוכת הבית' אויף די זאַל, וויל איך דא ערשטנס ארויסברענגען א גרויסע שטארקע הכרת הטוב פאר אונזער חשוב'ער ראש הקהל [הרה"ח ר' יחיאל אבערלאנדער שליט"א], וואס ער שטייט שוין יארן לאנג און נעמט אויף זיין פלייצע נאך און נאך און נאך, בויען נאך א בנין און נאך א בנין, און דאס אלעס ווערט געטון מיט'ן גרעסטן פנימיות, מיט זיין גאנצע הארץ און מיט זיין גאנצע איבערגעגעבנקייט.

אודאי וואונטשן מיר אים אז ס'זאל זיין עוד ינובון בשיבה דשינים, ער זאל זיין געזונט און שטארק, ווייטער קענען אנגיין מיט זיין עבודת הקודש, ס'איז א זכיה אויף א איד וואס האט געקענט אזויפיל טון, און מ'זעט עס טאקע אויף אים, אז ער האט אזעלכע חשוב'ע קינדער און קינד'ס קינדער, תלמידי חכמים יראים ושלימים.

כ'וועל זאגן א מילתא דבדיחותא, אז דער זאַל איז א שלימות אינעם גאנצן בנין, ווייל אונז בלייבן נישט שטיין ביי די חתונה, אונז האבן א תלמוד תורה צו מחנך זיין די קינדער, נאכדעם גייט מען אין ישיבה, און דאס זעלבע איז

מיט די מיידלעך אין די בית חינוך לבנות. נאכדעם ווען די קינדער ווערן עלטער טוט מען שידוכים מיט די קינדער, דארף מען דאך האבן וואו צו חתונה מאכן... נאדעם וואס מ'האט חתונה, דארף מען דאך ווייטער מחנך זיין די פרישע קינדער און טון שדוכים מיט זיי און חתונה מאכן, און אזוי ווייטער.

קומט אויס אז דער זאַל איז א שלימות אין די גאנצע זאך, ווייל דאס ווייזט אז מ'ווערט נישט פערטיג ביי די חתונה.

איך וויל דא אויך זאגן בשבח פון די אידן וואס טוען דא, כ'קען נישט יעצט אויסרעכענען די גאנצע ליסטע פון די אידן וואס טוען אזויפיל אין אלע ענינים, סיי אין די קהלה, סיי אין די מוסדות, סיי אין די פארצווייגטע מוסדות, דא אין בארא פארק, אין לינדען און אין מאנסי.

אבער איינעם קען איך מיר נישט איינהאלטן און איך וועל אים ערווענען, דאס איז **הר"ר שלמה וועבער הי"ו**, וואס איך בין מרגיש אז ער געבט אוועק פון זיין הארץ, ער געבט און ער געבט, ער ווערט נישט פערטיג מיט'ן געבן, סיי דעם בנין און סיי איבעראל וואו ס'זאל נאר זיין. וואונטש איך אים אודאי, דער אייבערשטער זאל געבן אז ער זאל זיין געזונט און שטארק, קענען ווייטער זען נחת געזונטערהייט.

## בשבח ארגון גשר לקשר

כ'וועל נאר זאגן א זייטיגע זאך וואס קומט אפשר נישט אהער צו די מוסדות, אבער איך וויל עס דא ערווענען, דאס זענען צוויי-דריי יונגעלייט וואס זענען צוריקגעצויגן מיט זייערע נעמען, אבער דער עולם ווייסט ווער דאס זענען, דאס זענען די יונגעלייט 'גשר לקשר' וואס טוען אין שידוכים, דאס איז דאך א מורא'דיגע זאך וואס זיי טוען מיט שידוכים, דאס איז א געוואלדיגע זאך! איך קען ממש זאגן אויף זיי, אז איך בין זיי מקנא, ויהי חלקנו עמהם.

## הזורעים בדמעה ברנה יקצורו

ס'שטייט די וואך אין די סדרה (פ' בשלח טז, ו-ז) ערב וידעתם כי ה' הוציא אתכם מארץ מצרים ובוקר וראיתם את כבוד ה'.

מ'דארף צו וויסן אז א איד וויל ארײנלייגן די הענט אין די קעשענע ארויסצונעמען געלט פאר די מוסדות, אדער ער וויל זיך עפעס מטריח זיין אין די מוסדות, אבער ס'גייט שווער, דער בעל דבר פארלייגט זיך, דאס איז נישט דווקא ביי סתם אידן נאר אפילו ביי נגיד'דישע אידן וואס האבן געלט, עס גייט נישט אזוי מ'מיינט, מ'טראכט אהער און מ'טראכט אהין, דער בעל דבר מאכט שוין זיינע חשבונות, דאס איז וויכטיג און יענס איז וויכטיג.

דארף מען וויסן 'ערב', טאמער עס גייט אים שווער, דעמאלטס 'וידעתם כי ה' הוציא אתכם', דארף מען גלייבן אינעם אייבערשטן, 'ובוקר' נאכדעם וואס מ'גלייבט שוין ווערט לעכטיג, דעמאלטס 'וראיתם את כבוד השם', דעמאלטס קען מען זען נחת. קודם דארף מען זיך פלאגן און זיך מטריח זיין אפילו עס איז שווער און שפעטער קומט שוין די נחת.


בלב נרגש וברגשי הכרה ותודה, משגרים אנו בזה כסא דברכתא, וברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מול ידידנו וידיד כל נפש חי, עושה ומעשה בכל לב ונפש להביא אורה ושמחה בבתי אנשי שלומינו, ה"ה

הר"ר **ישעי' יצחק בוים** הי"ו

**שדכן נאמן בקרב אנ"ש**

לרגל שמחת הבר מצוה של בנו למזל טוב

בזכות הסיוע והעזר להקמת בתים נאמנים בישראל, יהא רעווא שיזכה לגדלו לתורה לחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויזכה לראות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, בביאת בן דוד גואלנו, ומלכנו בראשנו בב"א.

המכירים פעולתיך הנשגבות

**ארגון גשר לקשר דחסידי פאפא**

גשר לקשר
א בריק צום קשר של קיימא
שע"י ארגון אחיעזר ואחיסמך דחסידי פאפא

## שותפים בהמוסדות

איך וויל נאר דא זאגן, מ'האט שוין היינט גענוג גערעדט דא, אבער וואס מ'האט געשמועסט היינט דא איז, אז דער עולם איז שותפים אין די מוסדות, אבער דער אמת איז אז ס'איז טאקע אזוי, ווייל אונזער עבודה מיט די קינדער איז נישט נאר צו לערנען תורה, אודאי לערנט מען תורה, אבער ס'איז פאראהאנען אז זאך ווי 'אהבת תורה', מ'דארף ליב האבן צו לערנען, מ'דארף וועלן לערנען, מ'דארף וועלן פארשטיין וואס איז פשט אין תוספות. דאס איז א גרויסע עבודה, און צו דער חלק פון 'אהבת תורה' דארף מען זיין שותפים.

ווען ס'איז דא א שותפות אין א געשעפט, דארף מען דאך דערציילן פאר'ן שותף וויאזוי די געשעפט גייט, ממילא דארפן אונז דא אויך זאגן אביסל וואס עס גייט פאר אינעם געשעפט.

אין די היינטיגע וועלט גייט עס, ביי אלע ענינים, סיי אין געשעפטן און סיי ביי אנדערע פראבלעמען, אז מ'דרייט זיך ארום איבעראל און מ'פרעגט יענעם חכם אן עצה און ביים צווייטן חכם אן עצה, דער האט עקספיריענס און דער איז א פראפעסעניאל אין דעם הינזיכט, ממילא וויל איך דא זאגן אן אופן וויאזוי מ'ארבעט ביי אונז.

## אהבת וחשקת התורה

ס'איז דא א ווארט פון **כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע** אויפ'ן פסוק אין פרשת בא (י, ב) למען תספר באזני בנך ובן בנך, זאגט ער ס'האט זיך אזוי געפירט אז משה רבינו'ס קינדער זענען נישט געווען אין מצרים, אזוי איז משה רבינו געווען דער ערשטער מספר וואס זאל דערציילן יציאת מצרים, כדי משה רבינו זאל אריינלייגן א סגולה אין מצות סיפור יציאת מצרים אז דאס זאל ברענגען אמונה [אתד"ק].

אונז ווייסן אז 'תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב', אונז האבן מקבל געווען פון אונזערע עלטערן, און אונזערע עלטערן האבן מקבל געווען פון אונזערע עלטערנ'ס עלטערן און אזוי ווייטער ארויף ביז **כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע**.

אין די משנה שטייט דאך (אבות א, א) משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים, אונז ווייסן אויך אזויפיל, אז מ'דארף אריינברענגען אין די קינדער א חשקת התורה, א לעכטיגקייט אין תורה, דאס איז די וועג וויאזוי מ'ארבעט ביי אונז, צו ווייזן פאר די קינדער אז די גאס איז אלעס שטותים מיט נארישקייטן.

מ'לערנט אויס פאר די קינדער, אז איין סברא פון רמב"ן, איין סברא פון ריטב"א, איין סברא פון רבי עקיבא איגר, איז מער ווערט פון אלעס! צו קענען איין סוגיא, זיך צו פארהערן א סוגיא, זיך צו פארהערן א סימן אין שלחן ערוך, דאס איז מער ווערט פון אלעס!

דאס געבט מען שוין אריין יונגערהייט פאר די קינדער, אזוי האט מען אונז געלערנט און דאס גייט אויך ווייטער ביי אונז.

## בטחו בה' עדי עד

כ'וויל מסיים זיין מיט א ווארט צו מחזק זיין די אלע נושאי בעול. מ'האט שוין פריער ערוועהנט 'מהיכן ירק זה חי', מ'קען דאך נישט לעבן למעלה מן הטבע. אבער די וואך גייט די פרשת המן, וואס לערנט מען זיך פון פרשת המן? אז טאמער א איד טוט לעבן מיט א העכערע השגה געבט אים דער אייבערשטער יעדן טאג, מ'דארף נישט אנגרייטן פון פריער.

אין די פריערדיגע יארן שנת תשי"ט צי תש"כ איז געווען צווישן די הנהלת המוסדות א איד **הגה"ח ר' מענדל ראטה ז"ל**, ער איז געווען גאר א געהויבענער איד. אמאל איז ער אריינגעקומען צו **כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל** און געזאגט: "איך וויל רעזיגנירן פון די מוסד", האט אים דער טאטע ז"ל געפרעגט: "פארוואס ווילסטו רעזיגנירן?" האט ער געזאגט: "די חשבונות שטימען נישט, ס'איז דא א גרויסע דעפיציט, מ'קען נישט ווייטער אנגיין אזוי".

האט אים דער טאטע ז"ל געזאגט: "ברענג מיר אריין די ביכער, איך וויל זען די דעפיציט", האט ער אריינגעברענגט די ביכער און געוויזן א היי יאר איז די דעפיציט צען טויזנט דאללאר - דא רעדט מען פון פינף און זעכציג יאר צוריק, יענע צייטן איז דאס געווען א גרויסע סכום - האט אים דער טאטע ז"ל געפרעגט אזא שאלה: "וויפיל יאר שטייט שוין די מוסדות? בערך פינף-זעקס יאר, אויב אזוי איז א יאר איז דא צען טויזנט דאללאר דעפיציט, וואו איז יעצט די פופציג טויזנט דאללאר דעפיציט? אלא מאי, פאלגט מיר, בלייבט אין די מוסדות און דער אייבערשטער וועט שוין העלפן"...

## השאיפה להרבצת התורה

תשרי תש"ז איז דער טאטע ז"ל געווען אויפ'ן וועג פון אונגארן קיין אנטווערפן, גאנץ חודש תשרי איז מען געווען אין דייטשלאנד אויפ'ן וועג צו אנטווערפן, דער טאטע ז"ל

איז געווען צוזאמען מיט א קבוצה, האט דער טאטע ז"ל דעמאלטס געזאגט פאר זיי: "עטץ מיינטס אז איך ווייס וואו איך גיי, וואו דער אייבערשטער וועט פירן אז מ'וועט קענען לערנען תורה מיט אידישע קינדער, דארט וועל איך גיין".

## זה הגדול קטן יהיה

ס'איז באקאנט די מעשה וואס איז געווען ווען מ'האט געקויפט דער בנין הבית המדרש אויף בעדפארד עוועניו, דער בנין איז געווען א זאל וואס איז נאך געווען רוי, האט זיך דער טאטע ז"ל דעמאלטס באקלאגט פאר **כ"ק האדמו"ר מסקווירא זצ"ל**: "כ'האב מורא אז ס'איז צי גרויס פאר מיר"... האט סקווערער רבי ז"ל געזאגט: "זארגט אייך נישט אויף דעם, עס וועט נישט זיין צו גרויס".

ממילא איז ביים טאטן ז"ל געווען אזא בחינה פון ערב וידעתם כי ה' הוציא אתכם מארץ מצרים ובוקר וראיתם את כבוד ה', ס'איז קודם געווען 'ערב' און נאכדעם איז געווארן 'בוקר'.

## כרכא דכוליה ביה

עכ"פ ביי אונז איז דער יסוד נישט נאר תורה נאר די חשקת התורה, און אין דעם ליגט נישט קיין גרויסע קונץ, נאר ס'ליגט אין די לופט א רוח פון חשקת התורה, א רוח אז דאס איז וואס ס'מאכט פרייליך.

אז א פרעמדער איד וועט אריינקומען צו אונז אין ישיבה ביים דאווענען וועט ער אפשר קענען האבן אזא מחשבה: "דאס זענען כאניאקישע פרומע חסיד'ישע בחורים זיי דאווענען ווי עס דארף צו זיין, אבער לערנען קענען זיי אויך? מסתמא נישט"...

א צווייטער קומט אריין אין ישיבה בשעת'ן לערנען, קען ער טראכטן צו זיך: "אה! די בחורים לערנען אזוי פלייסיג! לאמיר זען צי די בחורים קענען אויך עפעס א טיפערע זאך, קען איך רעדן מיט א בחור וועגן א רבי עקיבא איגר מיט א ריטב"א מיט ראשונים? קען איך רעדן מיט א בחור איבער שלחן ערוך?"

אבער ביי אונז זענען די בחורים א כל בו, ס'איז דא אלעס! די דאווענען, די לערנען, וויאזוי מ'פארשטייט די לערנען, אלעס איז דא ביי אונז.

פון וואו נעמט זיך דאס? דאס נעמט זיך פון די חשקת ואהבת התורה! ביי אונז קען מען נישט שפארן פון משפיע זיין יראת שמים און היטן די בחורים, ווייל סוף כל סוף אין די היינטיגע גרויסע ווינטן וואס בלאזן אינדרויסן מיט אלע נסיונות, סיי מיט די כלים און טעלאפאנען און סיי מיט די ליין-מאטריאל און מאגאזינען, איז די איינציגע זאך קעגן דעם דאס וואס מ'געבט אריין אין די תלמידים אן אינעקציאן - אויף ענגליש רופט מען אינדזשעקשאן - מ'געבט אריין א חשקת און א געהויבנקייט אין תורה מיט יראת שמים, מיט א ווארעמקייט צו יעדע דבר שבקדושה, צו יראת שמים און צו מדות טובות.

זאל דער אייבערשטער העלפן - די וואך איז דאך שבת שירה, אין די פרשה פון שבת שירה איז דאך דא אזויפיל ענינים וואס האבן אוועקגעשטעלט א יסוד פאר שפעטערדיגע דורות - זאלן מען זוכה זיין אז די זכות פון אונזערע עלטערן נוחי עדן וואס זיי האבן זיך מוסר נפש געווען כפשוטו אויף צו מרבה זיין תורה מיט יראת שמים, זאלן זיי ווייטער שטיין דא און זייער זכות זאל אונז באגלייטן. די אלע משתתפים, און די אלע וואס ארבעטן, די אלעס עסקנים און די אלע וואס לייגן צו א פלייצע און ברעכן זיך קאפ פאר די מוסדות, זאלן נהנה זיין פון דעם.

מיר זאלן שוין זוכה זיין צו גיין בקרוב קעגן משיח צדקנו בב"א.

# להנחיל אוהבי י״ש ואוצרותיהם אמלא

בזמן שמחתנו שאנו עומדים בימים אלו, מביעים אלפי המסתופפים בחצרות בית פאפא בצל הקודש במשך ירח האיתנים תודה וברכה מעומק הלב, כשכולנו מלאים הרחבת הדעת בכל צעד ושעל, עת אשר אחד המיוחד שבחבורה קיים את מאמר הכתוב (משלי, י, ח) חכם לב יקח מצוות, ורכש לבו לנדב

## מהודרה חדשה של 'סידור מיוחד לשמחת תורה'

## מחזורים מיוחדים לאמירת תשליך ראש השנה

הלא הוא הרבני התורני הנכבד, מוקיר רבנן ותלמידיהון ואיהו גופא חד מינהון, דמות של בעל הבית הדבוק בתורה הק' בכל לבו ונפשו, מובחר במעלות ובמדות נשגבות, וכתר שם טוב עולה על כולנה, מי יספר מעלותיו, מלא על כל גדותיו, אהוב למקום ונוח לבריות, בעל מדות תרומיות והליכות נעימות, לב טוב ומסור בלב ונפש חפיצה להזולת, כולם נהנים ממעשיו הטובים המלאים עם חכמה עמוקה לעזור ולסייע בעד כל יחיד ויחיד מאנ״ש להרחבת דעתו ולבו, ה״ה

## הרבני הנכבד הר״ר **יחיאל שרגא** (מיכל) **זיידנפעלד** הי״ו

שרכש לבו לדבר טוב למען רחבת לבם והרחבת דעתם של אנ״ש המסתופפים בצל הקודש של הוד כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א משך ירח האיתנים

יתן השי״ת שיתברך בכל משאלות לבו לטובה, אך טוב וחסד ירדפוהו כל ימי חייו, ביתו יתברך בכל מיני השפעות טובות, בני ברוכי חיי ארוכי ומזוני רויחי, ויתקיים בו מקרא שכתוב וראה בנים לבניך שלום על ישראל, עושר ואושר יריצו אחריו מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויזכה להיות תמיד ממזכי הרבים אשר חז״ל הפליגו בגודל שכרו כי רב הוא, עדי נזכה לביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו, אכי״ר.

**המאחלים ברוב ברכות והכרת הטוב**

**אלפי אנשי שלומינו חסידי פאפא**

# מתיבתא קהלת יעקב קרית פאפא

נתייסדה ע"י כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל — בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## אכסוף נועם שבת בצל קריה נאמנה

בעמדנו בתום שנת תשפ"ו לפ"ק עת אשר בחורי הישיבה זכו לחסות בצל כנפים של קרית מלך רב מתיבתא קרית פאפא יצ"ו, כולם שבעו והתענגו מזיו תורה, עבודה, חסידות, מדות טובות, ובמיוחד זכו לערוך השבתות מרוממות כאיש אחד בלב אחד בהתרוממות נפלאה, באנו בזה להביע רגשותינו הנאמנות מול האורחים רבנים ומשפיעים חשובים ומפורסמים שערכו השבתות בתור "שבת-גאסט" והפיחו בלב הבחורים אש וחמימות לעבודתו יתברך שמו

**בראש וראשון נפרוש כפינו בתודה לקל עליון 'ושמחת בכל הטוב' (ראה תפארת שלמה פ' כי תבא) על שזכינו לחסות ולהתענג משך שמונה שבועות שלימים בימי הקיץ, עת אשר זכינו ל'מלך בשדה' בהופעת אבינו רוענו עטרת ראשנו ותפארתנו**

# הוד כ"ק מרן אדמו"ר עטרת ראשינו שליט"א

וזכינו להתבשם מנועם זיו קדושתו וטהרתו אשר השאיר רושם עז והשפעה עמוקה בלב בחורי הישיבה לטובה ולברכה

**במיוחד נביע הכרת תודה לכבוד רבני אנ"ש ממשפחת המלוכה שבאו לערוך את יום השבת בתוכנו, הלא המה**

**כבוד הגה"צ המפורסם דומ"ץ דקהלתנו שליט"א, הרה"צ רבי מאיר שליט"א דומ"ץ קהלתנו, הרה"צ רבי יוסף שליט"א ראש כוללנו ב"פ, פרע"ח הרה"ג ר' שמחה ראבינאוויטש שליט"א ראש הכולל דינוב**

~

**ברכה מרובה לכבוד הני חשובי מרביצי תורה, הלא המה**

**הרה"ג ר' דוד לייב פישער שליט"א מו"ץ בבית הוראה דקהלתנו, המשפיע הרה"ג ר' יחזקאל טויסיג שליט"א, הרה"ג ר' יוחנן האגער שליט"א מנהל ישיבת וויען מאנסי בן כ"ק האדמו"ר מוויזשניץ בית-שמש שליט"א, הרה"ג ר' מרדכי קאהן שליט"א מנהל ישיבתנו הק', הרה"ג ר' חיים יודא ווייס שליט"א מגי"ש בישיבתנו הק', הרה"ג ר' יואל פריעדמאן שליט"א מגי"ש בישיבתנו הק', הרה"ג ר' יחזקאל אברהם זאב מענצער שליט"א מגי"ש בישיבה קטנה, הרה"ג ר' מרדכי שלמה גאלדבערגער שליט"א מגי"ש בישיבה קטנה, הרב בערל בלייער שליט"א מנהל קול 'פרדס שלמה', הרה"ג ר' מרדכי לייב פישער שליט"א, הרב יעקב יוסף אויש שליט"א, הרה"ג ר' אליעזר ברילל שליט"א, הרב שלום יוסף פריעדמאן שליט"א מנהל דת"ת, הרב יוסף גרינוואלד שליט"א מנהל דת"ת מאנסי, הרב יוסף יודא קליין שליט"א, הרב מנחם יודא בינער שליט"א, הרב דוד בר"נ גרינוואלד שליט"א, הרב מאיר צבי ברע"י גרינוואלד שליט"א**

ברכה מיוחדת לכבוד הני אנשי שם, הנדיבים בעם, שזכו ליטול חלק בהוצאות השבתות בקרב ישיבתנו הק', ותרמו בעין יפה ושמשו כ'פרנס השבת', לכבוד האורחים הנכבדים של השבת, הלא המה

הר"ר **דוד בר"מ אבערלענדער** הי"ו, הר"ר **יצחק דייטש** הי"ו חבר הנהלת המוסדות, הר"ר **יואל פריעדמאן** הי"ו מנכ"ל המוסדות, הר"ר **משה יואל גאלדבערגער** הי"ו, הר"ר **פישל ניישלאס** הי"ו חבר הנהלת המתיבתא, הר"ר **יוסף בר"מ לאוועשטיין** הי"ו, הר"ר **אליעזר זוסיא ברע"י בר"נ גרינוואלד** הי"ו

זכות הרבים יעמוד לכולם, ויזכו להמשיך להאיר עיני ישראל, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו במהרה בימינו אמן ואמן.

**המברכים מקרב הלב, תלמידי מתיבתא קרית פאפא**

מערכת פאפא
המפעל לתורה וחסידות

קול קהלת יעקב
קו אנ"ש חסידי פאפא

**718.480.7872**
PUPA


1 **מהנעשה והנשמע בחצרות קדשינו**

2 **מדור 'דברות קודש'** מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
- **#1 לבחורי הישיבות ובני הכולל**
- #2 ביקורי האדמורי"ם שליט"א
- **#3 הספדים**
- #4 ניחום אבלים
- **#5 שונות**
- #6 משנים קדמניות
- **#7 תפלות**
- #0 דברות קודש בולעטין

3 **מדור 'קולו בקודש'** מכ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל
- **#1 דרשות**
- #2 מעמדים
- **#3 הספדים**
- #4 מועדים
- **#5 תפלות**

4 **שיעורים ודרשות**
- **#1 שיעורי יומי ושבועי**
- #2 שיעורי הלכה
- **#3 מועדים וזמנים**
- #4 עניני תורה ועבודה
- **#5 סיפורי צדיקים והיסטוריה**
- #6 עומדים על הפרק
- **#7 שונות**
- #0 דרשות ושיעורים בולעטין

5 **תפילות טישן ומעמדים**
- **#1 מועדים וזמנים בצל רבותינו הק'**
- #2 שמחות בית פאפא
- **#3 סיומי והגית**
- #4 דינערס לטובת מוסדותינו הק'
- **#5 מסיבות וטיי אווענט'ס**
- #6 מעמדים, קבלת פנים, וחנוכת הבית
- **#7 חומש סעודה'ס**
- #8 שאר מעמדים

6 **מדור 'זכות אבות'**
- **#1 הספדים על רבותה"ק ומשפחת המלוכה**
- #2 יומא דהילולא של רבותה"ק בצל הקודש
- **#3 'נסיעות' של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**
- #4 סיפורי צדיקים מפי תלמידים וחסידים

7 **ניגונים ונוסחאות**

9 **שידור חי, ולהשאיר הודעה**

0 **חדשות על המערכת**


# חדשות על המערכת



## זמן שמחתנו תשפ"ז

### חודש תשרי תשפ"ז בצל הקודש

**7** רערנאר **1** רערנאר **6** רערנאר **0**

א' סליחות – ערב ר"ה – התרת נדרים ערב ר"ה – סליחות שלש עשרה מדות – הבדלה מוצאי – 'המבדיל טיש' מוצאי יוה"ק

**מעמד 'יום עמודי התורה'** מיוחד לנגידי ותומכי כוללנו הק', ב' סליחות **5 < 5**

ניגון חדש **'אתה בחרתנו'** וניגון של התפארת שלמה על המילים **'אבינו מלכנו גלה כבוד מלכותך'** - ע"י מקהלת בית פאפא **7 < 3 < 3**

שמועס עם **הרב בערל לעווי שליט"א** אחר פטירת חותנו **הרה"ח ר' אליעזר אשר אנשיל ערענפעלד ז"ל** **1 < 3**

שמועס עם **הר"ר יעקב משה לעווי הי"ו** לקראת **כינוס 'יחד לבבנו'** לבחורי אנ"ש ע"י איגוד החבורות דחסידי פאפא **1 < 3**

**נוסח המדויקת של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** לתפלת מוסף ראש השנה **7 < 2 < 2 < 4 < 2**

**ועידת הנדיבים** לטובת **מתיבתא גבוה 'אהלה של תורה' דחסידי פאפא,** ליל שישי כי תבא **5 < 5**

### ניגוני נענועים ליו"ט סוכות

**7 < 2 < 3**

### אלע ניגוני שמחת תורה הערליך מסודר מיט עטליכע אפטיילונגען

ניגוני הקפות / ניגוני השמים מספרים / שאר ניגונים / מארשן צווישן הקפות / ניגון רחמנא / נוסח והערב / מארש שאו שערים

**7 < 2 < 4**

## 'עתיקא קדישא'

וועכענטליכע פראגראם **7←5**

| פרשת האזינו א' | פרשת האזינו ב' | פרשת וזאת הברכה |
|---|---|---|
| וואלץ על 'וכל מאמינים' נתחבר ע"י האדמו"ר האמרי שאול ממאדזיץ זצ"ל | ניגון ונוסח כל נדרי כפי נוסח המדוייק של רבוה"ק | ניגון נענועים אצל נענועים הראשונים |

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ״ק מרנן רבותינו הק׳ קמא קמא דמטא לידן

**יום האחרון של ה׳הייליגע טעג׳**

סיפר הרה״ח ר׳ **יהושע קלמן גאלדבערגער** הי״ו:

**פעם** ביום שמחת תורה, בעת שניגש **הרה״ח ר׳ לייבוש רובינשטיין ז״ל** לפני העמוד לתפלת שחרית בעת שזמרו ״ממקומך״, היו כמה אנשים שביקשו לעורר קצת שמחה ורעש כדרכם של כמה מקומות ביום שמחת תורה, ושינו את הניגון שהתחיל. משהבחין **כ״ק מרן זצוק״ל** בזה פנה לאחוריו ואמר בנזיפה: ״נו, נו״.

**אחר** כך, בסעודת יום טוב בצהרי היום, עמדתי אצל שלחנו הטהור של מרן ז״ל בביתו נאוה קודש, ועדיין הייתי מעוטף בטלית קודם שפניתי לסעודתי. שאלני מרן ז״ל: ״האסט שוין געמאכט קידוש?״

**אז** פתח מרן ז״ל ואמר: דער רב ז״ל (מבעלזא) האט זייער מקפיד געווען אז מ׳זאל נישט שמועסן ביים טיש שמחת תורה; אמאל שמחת תורה נאך די הקפות איז געווען א שטיקל רעש, האט דער רב ז״ל געהייסן אויסרופן: ״ס׳איז די אונטערשטע טאג פון די הייליגע טעג, מ׳זאל שטיין מיט ישוב הדעת!״

**וסיים** מרן ז״ל בדברים הכואבים על מה שאירע בתפלת שחרית: ״מ׳שטייט די אונטערשטע טאג פון די הייליגע טעג און מ׳מאכט זיך נאריש אינמיטן נקדישך?!״ וניכר היה שגם לאחר כמה שעות עדיין היה הדבר מפריע וכואב למרן ז״ל מאוד.

**עוד** זכורני שפעם אחת בביהמ״ד הישן, פנה מרן ז״ל אל הקהל קודם תפלת מוסף ואמר: ״מ׳גייט


בלב נרגש וברגשי הכרה ותודה, משגרים אנו בזה כסא דברכתא, וברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מול ידידנו וידיד כל נפש חי, עושה ומעשה בכל לב ונפש להביא אורה ושמחה בבתי אנשי שלומינו, ה״ה

הר״ר **משה שמעון שפיטצער** הי״ו

**שדכן נאמן בקרב אנ״ש**

לרגל שמחת הבר מצוה של בנו למזל טוב

בזכות הסיוע והעזר להקמת בתים נאמנים בישראל, יהא רעווא שיזכה לגדלו לתורה לחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויזכה לראות רוב תענוג ונחת מכל יו״ח, בביאת בן דוד גואלנו, ומלכנו בראשנו בב״א.

המכירים פעולתיך הנשגבות

**ארגון גשר לקשר דחסידי פאפא**

גשר לקשר
א בריק צום קשר של קיימא
שע״י אירגון אחיעזר ואחיסמך דחסידי פאפא

ערב זמן שמחתינו תשפ"ז לפ"ק

# כל המזכה את הרבים!

בפרוס עוד שנה, בה זכינו לזכות אלפי אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר, בהוצאת גליוננו המפואר "בקודש פנימה", להשקות את הצמאים לדבר ה', ולרוות הרעבים ללמוד ולשנן שיחותיו ודברי תורתו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**נביע בזה רגשותינו מול פני עליון, תודה וקול זמרה, הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו, אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו.**

ותקותנו איתנה שנזכה להמשיך עם הפעלים לתורה וחסידות בחצרות קדשנו ביתר שאת וביתר עוז, ולזכותכם לשתות מבאר החיים עד ביאת גואלנו.

**ובזמן כזו חובה עלינו לשגר ברכת תודה והכרת הטוב, מול הני אברכים יקרים שמם הטוב הולך לפניהם, העוסקים בלי ליאות בעבודת הקודש**

# בהפצת הגליונות

בקרב אנ"ש חסידי פאפא בכל רחבי תבל, ה"ה

הרב **יוסף** (ברי"מ) **גאמבא** הי"ו, הר"ר **יעקב יחזקי'** (בר"א) **גרינוואלד** הי"ו, הרב **יחיאל** (בר"א) **דייטש** הי"ו, הר"ר **יואל כ"ץ** הי"ו, הרב **יואל חיים לעבאוויטש** הי"ו, הר"ר **בנימין אליעזר מאנדל** הי"ו, הר"ר **יעקב מאיר** (בר"מ) **מאנדל** הי"ו, הרב **ישכר דוב מאנדל** הי"ו, הר"ר **אליעזר שלום** (בר"י) **פריעדמאן** הי"ו, הרב **אלעזר הכהן קאהן** שליט"א, הרב **יעקב שמואל קריצלער** שליט"א

ותודה מיוחדת למנהלי מוסדותינו הק', ה"ה

הר"ר **יואל פריעדמאן** הי"ו מנכ"ל המוסדות

הר"ר **יוסף** (בר"א) **גאמבא** הי"ו מנכ"ל מוסדותינו מאנסי

**על עזרתם המרובה**

ימלא השי"ת כל משאלות לבביהם לטובה ולברכה, וזכות זיכוי הרבים יעמוד להם ולזרעם אחריהם להתברך בכל מילי דמיטב, ושישרה ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם!

דאוועגען בלי שום שינוי!"

*

### ניגון תורה הקדושה

## סיפר הר"ר **יהושע ווידער** הי"ו:

**זכורני** בתחלת שנות תש"ל בעת ה'מיטאג טיש' ביום שמחת תורה בביתו נאוה קודש של **כ"ק מרן זצוק"ל**, פנה מרן ז"ל להסובבים ושאל: "איז דא איינער וואס קען דער בעלזער ניגון אויף תורה הקדושה?" והיה שם **הרה"ח ר' שלמה הכהן שווארץ ז"ל** שידע היטב את הניגון, ומרן ז"ל כיבדו לשור את 'הבעלזער תורה הקדושה'[א].

*

### ספה"ק נועם אלימלך

## סיפר הר"ר **וואלף גרינבוים** הי"ו:

**אבי הרה"ח ר' יצחק גרינבוים ז"ל** סיפר, שהיה פעם אצל שלחן הטהור רעווא דרעווין של **הגה"ק מצעהלים זצוק"ל**, והגה"ק מצעהלים סיפר אחר דברי תורתו, שאביו **כ"ק מרן הערוגת הבשם זי"ע** הגיע אליו בחלום ושאל אותו: "היתכן דו לערנסט נישט נועם אלימלך?" הגה"ק מצעהלים לא שת לבו לדברי החלום, ואביו מרן הערוגת הבשם הגיע אליו פעם שנית בחלום, ואחר כך פעם שלישית.

**בפעם** השלישית אמר לו מרן הערוגת הבשם: "אויבן אין גן עדן איז דא א היכל הספרים, אין די היכל הספרים איז דא א ספר נועם אלימלך, וואס פון דעם ספר שיינט א מורא'דיגע אור".

**הגה"ק** מצעהלים אמר אז, שעל אף שעד עתה למד תמיד בספה"ק נועם אלימלך, אבל מאז קיבל עליו ללמוד בקביעות בכל יום יום הספה"ק נועם אלימלך, כפי ציווי אביו מרן הערוגת הבשם זי"ע.

---

**א.** ראה הימנותא דשלמה להרה"ח ר' שלמה מאנדל ז"ל (עמוד רה): בשמחת תורה שנת תשכ"ט לפ"ק בסעודת היום, אמר מרן זצ"ל, שבבעלזא נהגו לשורר בליל שמחת תורה בתוך הסעודה הפיוט "תורה הקדושה התחנני בבקשה" הנדפס בסליחות לצום גדלי', וטעמא דמילתא לפי שבשנה אחת היו בבעלזא חולאים רח"ל, והגה"ק מבעלזא זיע"א ציוה שיזמרו הפיוט תורה הקדושה [המסתיים בחרוז: רפאות הנחלה יסיר כל מחלה], ונתרפאו החולים ונפסקו החולאים, ומאז ואילך נקבע המנהג לזמרו בשמחת תורה, ואחר כך חיבר משורר אחד ניגון הידוע בבעלזא שבו מזמרים הפיוט.

**ואמר** מרן זצ"ל, אנו נוהגין לשוררו קודם הקפות, והתנצל שלא שר אותה בשנה ההוא בעת ההקפות, כי לא נמצא סליחות אצלו על כן נזמר אותו עכשיו בעת הסעודה כמנהג בעלזא.


בלב נרגש וברגשי הכרה ותודה, משגרים אנו בזה כסא דברכתא, וברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מול ידידנו וידיד כל נפש חי, עושה ומעשה בכל לב ונפש להביא אורה ושמחה בבתי אנשי שלומינו, ה"ה

הר"ר **דוד האפפמאן** הי"ו

**שדכן נאמן בקרב אנ"ש**

לרגל שמחת הבר מצוה של בנו למזל טוב

בזכות הסיוע והעזר להקמת בתים נאמנים בישראל, יהא רעווא שיזכה לגדלו לתורה לחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויזכה לראות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, בביאת בן דוד גואלנו, ומלכנו בראשנו בב"א.

המכירים פעולתיך הנשגבות

**ארגון גשר לקשר דחסידי פאפא**

גשר לקשר
א בריק צום קשר של קיימא
שע"י ארגון אחיעזר ואחיסמך דחסידי פאפא

**עם הרבי מריבניץ**

## סיפר הרה"ח ר' **עמרם אבערלאנדער** ז"ל:

**כ"ק האדמו"ר מריבניץ זצ"ל** הפליא והעריץ עד למאוד את **כ"ק מרן זצוק"ל**, ובכל הזדמנות שהיה מדבר אודות מרן ז"ל היה זה מתוך הערצה מופלגת שאין לתארה.

**זכורני** בעת אשר נחלה מרן ז"ל - איני זוכר על איזה חולי או ניתוח היה זה, אך כמדומני שהיה בשנת תשל"ז לפ"ק - ביקשני אז **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** שאזכיר את אביו מרן ז"ל לרפואה שלמה לפני הרבי מריבניץ.

**באותה** עת נסע הרבי מריבניץ לארץ ישראל, ואני ליוויתיו בדרכו אל נמל התעופה. בדרך נסיעתנו הזכרתי לפניו את מרן ז"ל הזקוק לרפואה שלמה, ובתגובה לכך הרים הרבי מריבניץ את ידו הימנית בתנועה מיוחדת, ואמר: "ער וועט האבן א רפואה שלימה, איך האב אים כסדר אינזין" [ב].

*

**נשים במילי דחסידותא**

## סיפר הרה"ח ר' **אליעזר אשר אנשיל ערענפעלד** ז"ל (נלב"ע כ"ג אלול תשפ"ו):

**כשהעברתי** משכני לקרית טאהש במדינת קאנאדא אחר חתונתי, ביקש אותי חותני שאקבל עליו חומרתו ולא לטלטל עם העירוב בעיר שם, ואכן קיבלתי עלי את הדבר הזה. בבית חותני הקפידו על זה גם להנשים ולכל בני המשפחה.

**לאחר** זמן כשהייתי בניו יארק, נכנסתי אל הקודש **לכ"ק מרן זצוק"ל**, ושאלתי אותו אם אקפיד על חומרא זו גם לאשתי, אמר לי מרן ז"ל: "א זאך וואס איז נאר א מילי דחסידותא, איז מען מקפיד נאר אויף זיך".

*

**בכיה של צדיקים**

## סיפר הרה"ח ר' **עמרם טויבער** הי"ו:

**זכרוני** מגירסא דינקותא בעת **שכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** היה ילד, וגם אני הייתי אז ילד, שפעם בתוך שיחה עם מרן שליט"א סיפר לי, שהיה עם אביו **כ"ק מרן זצוק"ל** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מסקווירא זצ"ל**, ובמשך השיחה דיברו שניהם יחד ובכו מאוד, כך סיפר לי אז.

* * *

**ב.** ר' עמרם מוסיף לספר: הנה אצל הרבי מריבניץ היתה הרמת יד ימין מורה על השפעת חסדים. זכורני שפעם אחת ביום יארצייט, בעת שלמד הרבי מריבניץ את המשנה במסכת יומא (ד, א) בענין טרף בקלפי, כשהגיע למילים "אם של שם עלה בימינו הסגן אומר לו אישי כהן גדול הגבה ימינך", הרים הרבי מריבניץ את ידו הימנית, אך כשהמשיך ואמר "ואם של שם עלה בשמאלו ראש בית אב אומר לו אישי כהן גדול הגבה שמאלך", לא הרים את ידו השמאלית כלל.

מבקשים אנו מאנ"ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק' ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי"ו על הקו המיוחד 5548-450(646)


**כל הזכיות שמורות ל'מערכת פאפא'**

**718.480.7872**

להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 > 0**

**ארײנצולײגן אײער מודעה אדער 'מזל טוב' פארבינדט אײך אויף:**

**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג